# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 135) צוועלפטער יארגאנג אַפּריל 1951 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

1. פרילינג־טעג, פסח־טעג — זמן־חרותנו ; 2. אַן אונטערגע־
וואָרפענער ממזר ביים סדר ; 3. די ווייטשעפּל־אַנטאָלאָגיע.......** 1
שביעי של פסח ביי חסידים..........הרב יהושע שפּעטמאַן 7
יוחנן יאָחטשיק (אַ תל־אביב'ער טיפּ).........יוסף נוימאַן 10
תנ"ך'ישע געשטאַלטן..........דר. יעקב י. מייטליס 13
נאָכמיטאָג אויף אַ בערגל (ליד)..........עדנאָ סעינט ווינסענט מיליי 20
אין די גאַסן פון ירושלים—פרילינג און צייט־לידער......א. נ. שטענצל 21
דריי צייכנס (געשטאַלטן פון דער פּען מלאכה)..........א. מ. קייזער 26
קאָשמאַרן (סצעניש) .......... בן־א. סאָכאַטשעווסקי 29
באַגריסונג צו ס. ליוועער..........קיטי בראון 32
בייגל (קאַפּיטל פונם ראָמאַן „שבעה")..........לעאָ קעניג 33
מאַמע יידיש (ליד)..........יוסף הלל לעווי 36
צייכענונג .......... ב ן 38
דער קרומער שפּיגל.......אליהו פּאָלושאַק 39
אַ בריוו פונם קולטור קאָנגרעס.......... 42
אַ בריוו פון משה עובד .......... 43
אַ בריוו פון דאָראַ דימאַנט .......... 44
מאיר צעלניקער .......... י. דאָרפזאָן 45
עטאַ טאָפּעל געזעגנט זיך..........ס. פּאַלמע 46
דער מאָדערנער שמשון הגבור. בן ציון קליין 47
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס.......... 48



שמשון הגב"ר, זייט 47

**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אבאָנענטס־פּרייז:—19/6 פאר א יאר

אין אויסלאנד:—5 דאלאר א יאר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary

CAMEO CORNER

ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

*January* Renaissance Jewellery.
*February* Boxes.
*March* Sculpture by Mosheh Oved.
*April* Curios.
*May* Stuart Jewellery.
*June* Children's Jewellery.
*July* Cameos and Intaglios.
*August* Georgian and Victorian Jewellery.
*September* Antique Jewish Ornaments.
*October* Oriental Jewellery.
*November* Precious and semi-precious Stones.
*December* Devotional Jewels and Christmas Presents.

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

Manufacturers of
Knitted Goods and Sportswear

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*



## פריינט פון יידיש לשון

**מיטוואך**, חוהמ״פ, 25־טן אַפּריל, אום 7.30 אָוונט

אין **סטאוק ניואינגטאָן טאון האל**

## אן אוונט פון יידישן טאַנץ און ליד

די זינגערין **חנה מעצגער**

די טענצערין **רות בערגנער**

ביים קלאַוויר פאול ליכטנשטערן.

בילעטן פון 2/6 ביז 1 גינע.

צו באַקומען ביי זוסמאַן אין ניו רויד, ביים סעקרעטאַר פון פ.פ.י.ל און ביי דער קאַסע.

די באַקאַנטע טענצערין **רות בערגנער** וואָס וועט אויפטרעטן אויף אונזער אָוונט איז די טאָכטער פונם באַרימטען שרייבער און דיכטער מלך ראַוויטש.

---

**אין בן אורי, 14 פאַרטמאַן סטריט, וו.1.**

**זונטיק**, דעם 15־טן אַפּריל, 8 אַזייגער

### די ימים טובים אין דער יידישער ליטעראַטור

פאָרטראַג, רעציטאַציעס און געזאַנג.

---

### א הארציקן מזל טוב

מיר ווינטשן אונזער ערן־סעקרעטאַר **נחמן רובין** און **פרוי** צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **בלאַנטשע** מיט **אייזיק לעאַרי**, אַז די חתונה זאָל זיין בשעה מוצלחת און זיי זאָלן דערלעבן אַ סך נחת און פרייד פון זייערע קינדער.

„פריינט פון יידיש לשון“.

---


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 135) צוועלפטער יארגאנג אַפּריל 1951 לאָנדאָן


## פרילינג־טעג, פסח־טעג — זמן־חרותנו!

.1

נאָך די שווערע ווינטער־חדשים, וואָס מיר האָבן היי־יאָר דאָ אַדורכגעמאַכט, — און אויך דער היינטיקער חודש וועלכער רייסט זיך שוין פרילינגדיק אויפן קאַלענדאַר מיט „אַ זון און אַ רעגן“, — פאַלט נאָך אַלץ אַ נאַסער שניי און שוידערלעכער רעגן. עס איז ממש אַ ביטערער רחמנות אויף דער זון (כ׳וועל שוין נישט ריידן מכוח דער גריפּע וואָס האַלט נאָך אין בושעווען, וואָרים ווער רעכנט זיך דען נאָך היינט מיט מענטשן). זי, די פרילינג־זון, במחילה, אַ בלאַסע, אַ פאַרקילטע, אַן איינגעשרומפּענע, האַלט זיך אין איין ראַנגלען און זיך ראַטעווען, פון איין וואָלקן אַרויס און אין איין וואָלקן אַריין; זי פאַלט ווי אין אַ בעט אַריין, ווי אונטער אַ צעריסענעם איבערבעט, אין טיפן אוממאַכט, און עס הויבט ווידער אָן צו שנייען — אַז עס גייט אַ נאַסער שוידער איבערן גאַנצן לייב.

אפנים, אַז אונזער הייליקער לוח־הקדוש בלייבט טאַקע דער איינציגער פאָראויסזאָגער פון די קומענדיקע ליכטיקע טעג, פון די זוניק־צעשטראַלטע, פון די ליבע יום טוב טעג, וואָס קומען אַהיים אויף פסח צום סדר, וואָס קומען אָן פרישע און באַנייטע ווי די חול־המועדניקעס אינם היימישן שטעטל אין די פרייע בין־הזמנים טעג — דער חג החרות!

און ווער שמועסט נאָך ווען אַ ייד איז זוכה צו האָבן אַ פרייען הונדערטער און קאָן זיך אַ פּאָר טון אויף פסח קיין ישראל, אַזאַ לאָנדאָנער ייד קאָן האָבן אַ שטיקל השגה וואָס אַזוינס עס האָט געמיינט חג המצות, חג־החרות ביי יידן אינם היימישן שטעטל . . .

נישט בחינם שרייען מיר, — מיר האָבן געשריגן און מיר וועלן ווייטער שרייען! — „לשנה הבאה בירושלים!“ דער וואָס איז נאָר איינמאָל געווען אין ירושלים דער ווייסט בחוש וואָס ס׳איז דאָס „די טעג פון משיח“. און יענער ייד וואָס איז זוכה זיך איינצולעבן כאָטש אויף טעג מיט אַ קיבוץ מיט חלוצים, דער הויבט אָן צו גלויבן אין די „קומענדיקע טעג“ פון די נביאישע וויזיעס...

איך גלויב, אַז די ערשטע „מצוה התלויה־בארץ“, פאַר די יידן וואָס וווינען אין חוץ־לארץ, מוז ווערן די מצוה פון עולה־רגל־זיין כאָטש איינמאָל אין לעבן פילען, וואָס איז דאָס אַזוינס שמחת־החג, וואָס מיינט דאָס אַזוינס חג־החרות — די נשמה ווערט דאָך אַדורכגעוואַרעמט!

אין אונזערע שטעטלעך אינדערהיים איז עס געווען „אויב נישט נאָך העכער!“ עס איז געווען די שטאָלצע דערהויבנקייט פון די „נשמה יתירה יידן“, „די נשמות פלאַקערן“ — דער „ומפני חטאינו“ ניגון איז געווען די שוועבנדיקע אַטמאָספערע; מיטן „ותחזינה עינינו“ איז פול געווען ס׳גאַנצע שטעטל, ווו נאָר מען האָט די אויגן געוואָרפן — אָ, יענע פסחדיקע זון איבערן קאָפּ, אינם נייעם יום־טוב׳דיקן טשופּיק מיט די זיידן־פּאָכעדיקע זון־צעשטראַלטע ליכטיקע בענדער.

און נאָך היינט, — ביז׳ן היינטיקן טאָג אפנים! — מען דערשמעקט אים ערשט דעם ריח פון פרילינג מיטן געשמאַק פון די פריש געבאַקענע ערב־פסחדיקע מצות, אויסגעבאַקענע קנאַקעדיקע, אַז די נאָזטרעס, די נאָז־פליגעלעך נעמען זיך באַוועגן אַזש . . .

.2

און ווי לאַנג איז עס ערשט, נאָך קיין איין צענדליק יאָרן נישט צומאָל, ווי די געסלעך דאָ, די צעשטראַלטע אַרום ווייטשעפּל, זיינען נאָך געווען אַ שטיקל אייגנס, „היימישע“! „היימישע“!! און אַרויסקוקנדיק דורכן פענסטער און דערזעענדיק די „בערע“ מיט די פיש, מיט די אוגערקעס און די ווייבער מיט די פאַרטוכער אַרום, איז ס׳גאַנצע געסל היימיש געוואָרן, אַן ערב־שבת׳דיגס — אויב דער ייד האָט געקאָנט „אַריינברענגען“ דעם שבת אין שטוב אַריין, פאַרוואָס אים נישט געקענט מיטברענגען קיין לאָנדאָן? „כלים!“ „כלים!“ „כשר׳ן!“ זע, די ערב־פסחדיקע זון פאַלט אַריין דאָ אַ כשר־שטיין אינם געסל און כשר׳ט עס אויס, אַזוי יום־טוב׳דיק־ליכטיק, אַזוי שפּאָגל־ניי — און האָבן נישט די יינגלעך דאָרט, די ווייטשעפּלער „באָיעס“, זי געכאַפּט אינם עמער אַריין און לויפן אַרום און געוואַלדעווען „חמץ!!“ „חמץ!!!“?

ווי לאַנג איז עס ערשט ווי צענדליקער טויזנטער יידן האָבן געטרעטן דאָ זייערע וועגן און שטעגן, יעדער זיין סטעשקעלע — — — נאָך קיין צענדליק יאָרן נישט. און ווען אין הייד פּאַרק פאַשיסטן פלעגן טומלען מיט זייערע ראָטשילד־רעדעס האָט איין ווייז־פינגער פון אַ געדונגענעם „דעפענס“־מאַן פון „באָרד אָף דעפּיוטיס“ ווייזנדיק צו ווייטשעפּל אַהין, זיי אַלע שטום געמאַכט: זעט די האָראָפּאַשניקעס אין ווייטשעפּל!

און פול זיינען געווען די שול, די טעאַטערס, די יוניאָנס, די תלמוד תורות און אונזער וועלטלעכע שול — — — — — — — — — — — — — —

די פרייד פון די געסלעך דאָ אין די פסח־טעג, אין די פרילינג־טעג, אין די בין־הזמנים — אין די פריידיק־פרייע חג־החרות טעג, ווען די ראָיענדיקע רוישיקע קינדערלעך האָבן די געסלעך דאָ באַפלאַטערט מיט זייערע זינגענדיקע געשרייען ביים סקאַרבאָווען ניסען־שפּיל. די צעגראָבענע גריבלעך פאַר „זעקס געטיילט“ און פאַרן קלאַפּנדיק „ביטש“ האָבן דאָך די ערד דאָ געמאַכט אייגן און הייליק. און איז זי דען נישט געוואָרן שוין מיט די טריט פון אהרן ליבערמאַן, פון מאָריס ווינטשעווסקי און מאָריס ראָזענפעלד און מיטן קדוש יוסף חיים ברענער?



און זיינען זיי דען נישט, די דערמאָנטע, די הייליקע, דער פרילינג פון אונזער לעבן, אין ישראל און אומעטום; די באַפרייער אונזערע איבער דער גאָרער וועלט פון ייד און פון מענטש: די מיט־אָנזאָגער פונם חרות פון דער וועלט.

און די אַרויפגעאַרבעטע און זיך אַרויסגעאַרבעטע, וואָס קומען נאָך אין „געטאָ“ אַריין איינקויפן אויף פסח! . . . טאַקע, פון ווו זאָלן זיי דעם היימישן פרילינג ריח דערפילן און אין די פרעמדע שטיבער אים אַריינברענגען? פון די גוישע גערטענדלעך פאַר זייערע פענסטער? אויב נישט פון די „אַמאָליקע“ געסלעך פון יידישן „געטאָ“ — — — און ווי ס׳פּאַסט דיר דער נאָמען מיט וועלכן זיי קרוינען דיך (כאָטש זיי מיינען מיט אים צו דערנידריקן...) מיט וועלכן זיי הייליקן דיך. ביזט דו דען נישט אַ שוועסטער, אַ טאָכטער פון וואַרשע, פון ווילנע, פון קראָקע, וואָס זיינען געהייליקט געוואָרן מיט דעם וואָרט געטאָ? טראָגט עס דען נישט אין זיך אַצינד דעם ריח פון ברענענדיקן חרות און באַפרייאונג, פון פעלקער און פרילינג באַפרייאונג?

## אַן אונטערגעוואָרפענער ממזר ביים סדר . . .

(אַזאַ פסח באַלאַדע אין ווייטשעפּל)

אויף שפּיץ־פינגער שטייט אַ יינגל,
אין אַ פענסטער קוקט עס אַריין,
ווי אַ ייד רעכט דעם סדר אָפּ,
מיט חרוסת, מיט מרור, מיט ווייַן.

דעם ריח פון פרישע מצה אין נאָז,
ס׳פינקלען פון די כוסות אין בליק,
עס קאָן די אויגן נישט אָפּרייסן,
זיי בלאָנדזשען אַהין און צוריק.

ווי יום־טוב׳דיק עס ברענען די ליכט,
ווי ווייס דאָס טישטוך אויפן טיש,
און דאָס זינגען פון דער הגדה,
די קניידלעך, די אייער, די פיש.

עס קאָן זיך גאָר זאַט נישט אָנקוקן,
אַלץ אויפגעריסענער ס׳אויג ווערט!
און נישט אויף שפּיץ־פינגער עס שטייט מער,
עס שוועבט צווישן הימל און ערד — — —

און ווען „שפוך חמתך“ צו זאָגן,
עס עפנט דער ייד די טיר אויף,
גנב׳ט זיך דאָס יינגל שטיל אַריין
און קוקט מיט אַ געבעט אַרויף:

„אַן אונטערגעוואָרפן ממזר כ׳בין!
די מאַמע וואָס האָט מיך געהאַט׳,
אַלע יאָר אין די דאָזיקע טעג,
ווען ס׳שמעקט מיט בלום, מיט בליט, מיט בלאַט,

„איז זי געקומען פון דאָ צוגיין,
צעשמעקטע מצה מיטגעברענגט,
היי־יאָר איז זי נישט געקומען מער — — —"
אויף זיינע וויעס אַ טרער הענגט.

האָט דער ייד ס׳יינגל אַריינגענומען,
און צום סדר־טיש אים געזעצט,
די טרערן־אויגעלעך אויסגעקושט,
און ס׳קעפל מיט זיינע באַנעצט.

## די ווייטשעפּל־אַנטאָלאָגיע דערשיינט קומענדיקן חודש

אויב אַ ישוב פאַרלאָזט זיינע קולטורעלע אינסטיטוציעס פאַלט אויך אַ גרויסער חשד אויף אירע געזעלשאַפטלעכע סאָציאַלע איינריכטונגען; עס כאַפּט דאָך ממש אַ שרעק אָן פאַר די אַלע קהל׳שע מוסדות, אַז מען טוט נאָר אַ קוק בלויז אויף זייערע „פירער", משרתים און יוצר־משרתים; וואָסערע פולע שיסלען מוזן דאָס דאָרטן זיין, אַז דאָס איז אַזוי פעט און אויסגעפרעסן, אַז עס קאָן גאָר נישט מער זיך אַרומזען אַרום זיך מיט זייערע פאַרפעצטע חזיר־אייגעלעך.

צי עס וועלן נאָך קומען אַמאָל יידישע קינסטלער און באַשרייבן אָט די ברואים? זיכער נישט! וועלכער עסטעט מיט אַ ביסעלע געשמאַק וועט זיך דאָס צורירן צו דעם? עס איז נישט כדאי! . . .

אינדערהיים האָט אַ „קאָך־לעפל", אַ „קהל׳שע קלאַמקע", אַ „לאַפּיטוט", נאָך געהאַט אַ הדרת־פּנים, אַן אייגענע יידישע צורה, אָדער אַן אויסזען פון אַ מענטש, צי אַפילו פון אַן אוממענטש... אָבער מיט דעם אָ־דאָ, וואָס האָט צומאָל קיין אייגענעם נאָמען נישט, וואָס איז כולו „ווי־הייסט־מען־עס"? דערמיט קאָן מען קיין ליטעראַטור נישט באַרייכערן! דאָס רייכערט זיך אַליין אויס מיטן קייענדיקן ציגאַר אין מויל, אַז ס׳זאָל נישט שפּירן דעם אייגענעם געשטאַנק...

אויב אַזוי, טאָ וואָסערע התחייבות קאָנען אויך די אַלע אינסטיטוציעס האָבן צום יידישן וואָרט, צום יידישן שאַפן, אַ חוץ מיט אַלע מעגלעכקייטן עס אויסצוראָטן און צו פאַרטיליקן. ווי לאַנג עס לעבט שרעקט מען זיך דערפאַר: עס שמעקט מיט אָרעמע טאַטע מאַמע, מיט ענגען געסל... אויס! געשטאָרבן! טויט! אַוועק מיטן רויך — פיף־פאַף, מען ציט דעם קייענדיקן ציגאַר, ווי אַ שווערן אָטעם און מען באַרואיקט זיך.

האָבן מיר אָבער אַ גאַנץ אַנדערן צוגאַנג צו די זאַכן! אמת, מיר קענען דעם ביוראָקראַטישן דריי־שטול אויף וועלכן ס׳זיצן די שווערע פאַרשווינגען



נישט צוריקדרייען, מיר קענען דעם סדר מיט דער שיסל נישט ענדערן, אָבער ביז וואָס־ווען, ביז ס׳וועט פון דעם גאַנצן קיין זכר נישט איבערבלייבן, — ווייל אַזוי איז ס׳געזעץ: אַ פרעסערישער מאָגן פרעסט זיך אַליין אויף און חזירים עסן אויף זייערע אייגענע קינדער! — ביז וואָס־ווען, וועלן מיר מקיים זיין דעם „וחי בהם", וועלן מיר לעבן אונזער אייגן לעבן און אָנגיין מיט אונזער שטיקל אַרבעט — — —

בלויז צו געפינען „די דריי מתנות" איז דאָך שוין כדאי אָפּצובידעווען אַ לעבן לאַנג אויפן עולם־התוהו! און איז נישט אַמאָל כדאי דעם ליידיקן טאָפּ מיט וואַסער אויפן אויוון אַרויפצושטעלן צו קאָכן, און נישט דווקא פון שטאָלץ וועגן, כדי דער גוטער שכן זאָל מיינען אַז ס׳קאָכט זיך און ער זאָל אַריינברענגען אַ ביסעלע אָרעמע זופּ, — נאָר דעם בייזן שכן אויף צעפּיקעניש: זאָל ער זען ווי עס פאַרעט, ווי עס גייט אַ רויך... דערפון אַליין קאָנען אַמאָל אָנוואַקסן נייע כוחות, ווען מען קאָן זיך אַזאַ כוח אָנטון!...

אויף אַזאַ אופן זיינען ענטשטאַנען דאָ די ערשטע „פּאָעזיע"־און „יידיש־העפטלעך"! און שוין מיט די ערשטע סאָלדאַטן פונם „צווייטן פראָנט", ווען די בריטישע זיינען אַריבער דעם קאַנאַל, האָבן מיר די ערשטע יידישע ליטעראַטור אַריבערגעשיקט צו די יתר הפליטה. כרמל נאַראָדיצקי, וואָס איז געווען דאַמאָלט אַ סאָלדאַט אויף דער ערשטער שיף, האָט אַ פּעקל „העפטלעך" מיטגענומען און געטיילט די ערשטע יידן וואָס ער האָט אָנגעטראָפן.

שפּעטער האָבן מיר אין די טויזנטער עקזעמפּלאַרן געשיקט דורך די אינסטיטוציעס וואָס זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די ד.פּ.־לאַגערן. דרך־אגב: אַ געוויסער אָנפירנדיקער ראַבינער האָט אפילו פאָרגעשלאָגן, אַז „לשון און לעבן" זאָל זיין אונטער אַ געוויסער צענזור און קאָנטראָל (ווייל ער פלעגט קויפן אַ פאָר צענדליק עקזעמפּלאַרן פאַר זיין „פּעקלעך־סאָסייטי"...).

שוין דאַמלט איז אויפגעשווומען דער געדאַנק אַרויסצוגעבן אַן אַנטאָלאָגיע און זי שיקן ווי אַ ברודערלעכע מתנה צו ד.פּ.׳ס אין דייטשע קעמפּס. ס׳איז ניט אויסגעפירט געוואָרן ווי פיל גוטע פּלענער, וואָס ווערן נישט דורכגעפירט אויס מאַנגל אין ווילן, אין כוח און אין געלד. און דער עיקר פון אַן איבערפלוס פון גרויסע דעה־זאָגער און נאָך גרעסערע צעשטערער.

אויב איצט האָט ווידער אויפגעשיינט דער רעיון וועגן דער „אַנטאָלאָגיע" איז עס נישט נאָר, אין צוזאַמענהאַנג מיטן „פעסטיוואַל אָף בריטיין", די אַסאָציאַציע: 1,000 יאָר לאָנדאָן — 100 יאָר ווייטשעפּל! עס איז גיכער אונזער נייע געשאַפענע לאַגע אין די לעצטע חדשים, וואָס די ד.פּ.־אַסאָציאַציעס שוועבט כסדר פאַר די אויגן: אין „פאָרווערטס" אין אַמעריקע דרוקן זיך בריוועלעך וו לאָנדאָנער יידן בעטן ביי לייענער אויסגעלייענטע צייטונגען. אין די פאַריזער יידישע צייטונגען שרייבן זיך שוין לייט־אַרטיקלען מכוח אָט דעם מין בריוועלעך. איך דאָ האָב שוין געזען אַזאַ געשיקט פּעקל מיט אויסגעלייענטע צייטונגען פון קאַנאַדע מיט אַ בייגעלייגט אהובי ידידי בריוועלע: „אויב איר וועט באַקומען, אָדער האָט שוין באַקומען אַ פּעקל איבערגעלייענטע „פאָר־

וווערטס׳ן“, זאָלט איר וויסן, אַז דאָס שיקט אייך אַ ייד...“ א.אַז.וו. טאַקע אין דעם ליבען נוסח ווי מען פלעגט שיקן אין די לאַגערן קיין דייטשלאַנד באַלד נאָך דער מלחמה — — —

איז אויב דאַמאָלט האָט אויסגעפעלט ווילן און כוח אויסצופירן דעם פּלאַן און דאָס ביסעלע מעגלעכקייט האָבן אייגענע דעה־זאָגער און צעשטערער אויסגענוצט פאַר אייגענע צוועקן, האָט זיך דאַמאָלט געהאַנדלט נאָר מכוח אַ ברודערלעכע מתנה, וואָס אויב מען מאַכט זי איז עס פיין און גוט און אויב נישט, איז עס אויך נישט קיין מעשה. איצט אָבער האַנדלט זיך מכוח דעם אייגענעם ביסל לעבן; ס׳גייט אין אָפּווישן די בושה פון אייגענעם פנים!

אין אַ מדינה, ווו דער עיקר כוח ליגט אין די הענט פון דער אַסימילאַציע, בנוגע סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע ענינים; ווו די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, אפילו די לינקע פועלי ציון, האָבן זייערע „בלעטלעך“ אין ענגליש, און די יידישע קאָמוניסטן דאָס „נעמלעכע“, איז דאָך נאַטירלעך אַז די לאַגע איז אַזעלכע. ווידער, פונם „רייכן“ לאָנדאָן צו פאַרלאַנגען הילף פאַר יידישע קולטור אַרבעט, פונם „דזשאָינט“, צי פונם „קולטור־קאָנגרעס“ אין אַמעריקע, איז די לאַגע אויך אַזאַ, אַז מען ווועט עס נישט טון און מען ווועט אפשר אויך נישט קריגן.

איז כאָטש רייס דאָס האַרץ און וואַרף עס אינם טאָפּ אַריין, ווועלן זיך שוין יאָוויען יענע גוטע הענט, וואָס ווועלן די פּאָר גרויפּן אַריינשיטן, ווייל זיי ווועלן זיך האָבן אויף וואָס צו קוואַפּען... אָבער ווי לאַנג קאָן עס אַזאַ לאַגע אָנהאַלטן?

די אַלע אויסגערעכנטע זאַכן קאָנען נאָר זיין „אַ תירוץ פאַרן מאָגן“! אויב מיר ווילן אָבער לעבן מוזן אויפהערן אַלע קשיות, מוז מען מיטן אייגענעם לעבן אַלצדינג קענען פאַרענטפערן, מוזן מיר קאָנען באַווייזן — „אם אין אני לי מי לי! אם לא עכשיו אימתי?“ נאָך איז דאָ אַ טראָפּן בלוט, און ס׳איז כדאי אין באַק זיך אַ קניפּ צו טון...

זיכער ווען מיר וואָלטן נאָר געהאַט אַ מינימום נאַטירלעכע כוחות, וואָלט דער פאַרנעם פון אַזאַ אַנטאָלאָגיע געהאַט אַן אַנדער פּנים: 1,000 זייטן וואָלט געווען צו ווייניק צו ענטהאַלטן בלויז די פּראָבעס פון דעם וואָס ס׳איז דאָ געשאַפן אין די לעצטע 100 יאָר. מיר האָבן געמאַכט אַן אָנשטרענג און פאַרלאַנגט אַ סובסידיע ביי אַ געוויסער אינסטיטוציע, אָבער עס איז אונז נישט געלונגען. די תשובה איז געווען: „די אינסטיטוציע האָט נאָר פאָנדס פאַר ׳דעפענס׳ און צדקה“. אַז אַזאַ אַרבעט האָט אויך אין זיך אַ געוויסע „דעפענס“ לגבי חוץ ולגבי פנים, אויף דעם פאַרשטייען זיך נישט די הערן. און אַז פון אַזאַ וואָגיקע אַרבעט קאָן אַראָפּפאַלן אַ ביסל האָנאָראַר פאַר לאָנדאָנער יידישע שרייבער, וועלכע זיינען כלל נישט קיין גרויסע גבירים, דאָס גייט די דאָזיקע הערן שוין אוודאי נישט אָן...

מיר האָבן אויך געהאַט אַ שמועס מיטן סעקרעטאַר פונם ייוו״אָ, אַז די אַנטאָלאָגיע זאָל זיין אַ שותפות פונם ייוו״אָ און „פריינט פון יידיש לשון“, און אַז דער ייוו״אָ זאָל זאָרגן פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן, היסטאָרישן, עסייאיסטישן טייל און מיר פאַרן ליטעראַרישן — „יש מקום בראש להניח שתי תפילין“!



די תשובה איז געווען: ער, דער סעקרעטאַר, האָט לעצטנס אַרויסגעשיקט 60 בריוו־צירקולאַרן און קיין איין תשובה נישט באַקומען, איז ווי אַזוי קאָן ער אונטערנעמען אַזאַ מין אַרבעט אויסצופירן.

אָבער דאָס מאָל ווועט דער פּלאַן דאָך אויסגעפירט ווערן! נאַטירלעך דער מינימום פּלאַן, פאַרשטייט זיך — דער מאַקסימום פּלאַן ווועט ממילא אַמאָל מוזן צושטאַנד קומען אויס גאָלער קנאת סופרים...

און די אַנטאָלאָגיע איז נישט פונם שאַפן פון די יידישע שרייבער אין ענגלאַנד, אפילו נישט פונם שאַפן פון זייער שרייבן איבער לאָנדאָן; עס איז בלויז פון דער גרופּע שרייבער אַרום „לשון און לעבן“, און פון זייער שאַפן בלויז איבער ווייטשעפּל און לאָנדאָן. און אפילו דער אויסצוג ווועט אַרומנעמען קרוב 200 זייטן.

און נאָך אײנס: ביים צוזאַמענשטעלן האָבן מיר נישט געטראַכט וועגן די שרייבער, וועגן די באַטייליקטע — מיר האָבן געטראַכט אין ווייטשעפּל, אין אונזער פאַרשעמטן ישוב, וואָס מ׳האָט אים שוין כמעט פאַרגעסן אין דער יידישער ליטעראַטור; מיר האָבן אויסגעזוכט דאָס בעסטע וואָס נאָר מיר האָבן געקאָנט אויסזוכן ביי די חברים, כדי צוזאַמענשטעלן דאָס שטיקעלע מאָנומענט פאַר דעם ווייטשעפּל־געטאָ; „אחד המרבה ואחד הממעיט, ובלבד שיכוון את לבו לשמים“.

און צום סוף זאָל נאָך געזאָגט ווערן, ווען נישט די הנחות, וואָס די פאַרלעגער פון „לשון און לעבן“, די ברידער נאַראָדיצקי, געבן אונז, כדי די אַנטאָלאָגיע זאָל קענען דערשיינען, וואָלט עס אפשר נאָך אַלץ נישט מעגלעך געווען.

---

## הרב יהושע שפּעטמאַן

## שביעי של פּסח ביי חסידים*)

אַלע יום טוב איז געווען פריילעך ביי מיין זיידן ר׳ משה אין שטוב. די חסידים זענען זיך צוזאַמענגעקומען, און ווען חסידים קומען זיך צוזאַמען איז שוין ממילא אַ זמן שמחתנו. אָבער אַ באַזונדערע פריילעכקייט מיט אַ הייליגע התלהבות׳דיגע בגילופין־שטימונג איז געווען שביעי של פּסח ביי נאַכט. יצחק׳ל קונדס פלעגט זאָגן, אַז די יידן זענען יאָ אַריבער דעם קריעת ים סוף בשלום, ברויכט מען טאַקע נעמען אַ ביסל משקה און צו זאָגן אַ לחיים, און דאָס ווועט זיין דער בעסטער „תיקון ליל שביעי של פּסח“. מעג ר׳ אברהם, דער שטאָט־מגיד, דורכזאָגן דעם גאַנצן תיקון ליל שביעי של פּסח, מיט אַלע שירות ותשבחות, איז דאָס אַ התלהבות פון קאַלט פייער, פון „קרח הנורא“, און אויב ניט דאָס ביסעלע אש מתלקחת, דאָס פלאַמענדיגע

*) די דערציילונג איז אַרויסגענומען פונם איצט דערשינענעם בוך „בגילופין“, איבער וועלכן ס׳וועט אין אַ קומענדיקן נומער ל.א.ל.

הייסע פּייער, וואָס איז דורך רצון און אהבה׳דיגע התחברות שמחה, בלייבט דאָך די קשיא „מה העבודה הזאת לכם“ . . . איז דאָך אַ „רחמנות“ אויף דעם „אינדיק“ און אַן „עבירה“ אויף די „קניידלעך“, וואָס ער האָט אויפגעגעסען.

אַזוי איז שוין געווען דער מנהג אַלע יאָר זיך צוזאַמענצוקומען ביי דעם זיידן ר׳ משה שביעי של פּסח, און צו פאַרברענגען אין שמחה געזאַנג און רקודים ביז מען האָט געהערט רופן אין שול אַריין. דעם זיידנס שטוב איז געווען אויסגעקאַלעכט, ריין ווייס, כשר לפּסח און האָט געשמעקט מיט אַ באַזונדערע פרילינג פרישקייט, וואָס האָט מיטגעברענגט די ניסן ווינטעלעך. יעדער ווינקעלע איז באַצירט מיט אַ באַ׳חן׳טע יום טוב שענקייט און פּסח געשמאַק, ווי אַ צניעות׳דיגע יידישע טאָכטער, כלה, אין דעם חופּה טאָג. דער אבגעריבענער מעשענער לייכטער האָט געהאָנגען אין מיטן סופּיט, מיט די אַכט ליכט, וואָס האָבן אַראָפּגעפינקלט מיט אַ עניוותדיקע באַשיידענע ליכטיקייט און האָבן עדות געזאָגט, אַז אין די ווענד פון דער שטוב איז די מנוחה פון הייליגטום און ריינקייט, „קדושה וטהרה“ . . .

די התחלה צו דער שמחה האָט געמאַכט יצחק׳ל קונדאס מיט אַ ריקודיל און אַ פרעליך זמרל צוגעזונגען „ובכן צדיקים יראו וישמחו . . . וחסידים ברינה יגילו“ . . . דאָס איז געווען דער אַריינפאָר אין שמחה, נאָך אים, זענען נאָך די גאַנצע חברה, אַ פריילעך רקידה קאַזאַקל. אַלט און יונג צוזאַמענגעפלאָכטן געאָרימט. הויך לעבעדיג געהויבן די פיס. קאָפּ אויף אַקסל, האַנד אויף האַנד, ווי הבדלות געפלאָכטן, מיט אַ התלהבות׳דיגע וואַרימקייט.

נאָך דעם ערשטן טענציל האָט יצחק׳ל אויסגעשריגן „אָט דאָס איז געווען לכבוד דעם מחותן ר׳ משה און די מחותנת׳טע די באָבע חוה; און איצט בין איך גוזר — ענדיגט יצחקל — און זאָג, אַז אויב די ערשטע פּסח טעג ביזטו משה געווען „מלך“ און די אַלטע אַ „מלכה“, איז היינט ביינאַכט נעם איך איבער די מלוכה, און בין גוזר, איך גיב אַ „פּריקאַז“, אַז מען מוז מיר איבערגעבן דאָס גאַנצע שמאַלץ, אייער, ווישניק, וויין י״ש, און בכלל אַלע שליסלען פון די שענקלאַך; און איך וועל שוין „בודק“ זיין, עס זאָל ניט בלייבן חס ושלום קיין „משהו“ וואָס עס זאָל ניט איצט באַלאַנגען צו אונז, לכבוד די שמחה. גלייכצייטיק וועל איך איבערנעמען דאָס צוגרייטן מאַכן די קניידלאַך, כרעמזלאַך. איך, יצחק׳ל, וועל ווייזן, אַז ווען איך וויל קען איך זיין אויך אַ „יידענע“, אַ „צדיקית“ . . . און תוך כדי דיבור איז שוין אַלץ אונטער יצחק׳לס ממשלה.

יצחק׳ל האָט לשם פריילעכקייט געשטעלט אַ גרויסן בעקן וואַסער אין מיטן דער שטוב, און אַלע חסידים האָבן געמוזט גיין אַ ריקוד אַרום, און אַריבערגעשפּרונגען איבער דעם וואַסער, אַ „זכר“ פון דעם קריעת ים סוף; דערביי האָט מען געזונגען אַ פריילעך ניגונ׳דל „שירה חדשה שבחו גאולים“. מען איז אין גאַנצן אַריין אין עולם השמחה, דערביי האָט יצחק׳ל געכאַפּט אויף די פּלייצעס דעם אַלטן ר׳ אברהם דעם מגיד, וואָס איז געווען בטבע אַ קאַלטע נשמה, אַ שטיקל חלוש. עס האָט ניט געהאָלפן קיין רחמים ותחנונים, כאָטש גיי שריי „חי וקים“. יצחק׳ל איז מיט אים אַ ריקוד געגאַנגען און דעם וואַסער אי־



בערגעשפּרונגען. אַרום האָבן זיך אַ גאַנצע חברה שטיבל בחורים, קונדסים, נאָכגעכאַפּט, און אַלע צוזאַמען האָבן אַרום דעם בעקן וואַסער געטאַנצט. דערביי גיט ר׳ מאיר׳ל גבאי צו פאַרשטיין, אַז ווען יידן זענען בהתחברות אחדות׳דיג בשמחה, קען מען קומען צו דער מדרגה פון גילוי שכינה און זיין העכער, אפילו פון די מלאכים . . . און משיג זיין דאָס הייליגטום און שיינקייט וואָס די יידן האָבן געהאַט, ווען זיי האָבן געזונגען די שירה פון קריעת ים סוף.

יצחק׳ל קונדעס שרייט אויס: חברה, לאָמיר ניט פאַרשלאָפן די נאַכט. נעמט אַ ביסל משקה זאָלן מיר זאָגן לחיים, וועט זיין אַ אמת׳ע ליל שמורים . . . ווי דער „עמוד הענן“ מיט׳ן „עמוד האש“ וועלן זיך צוזאַמענטרעפן . . .

דער גרויסער ר׳ אהרן, וועלכער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און ערנסט בנעימות׳דיק געטראַכט, און האָט אין זיך אַריינגעשעפּט דאָס פריילעכקייט און וואַרימקייט פון דער התלהבות׳דיגער שמחה, האָט גענומען אַ ביסל משקה און געזאָגט לחיים, און געווונשן: עס זאָל נתגלה ווערן דער אור העליון, די הויכע גאולה ליכטיקייט, די גאַנצע וועלט, די בריאה זאָל ווערן איינס, מיט איין רצון, „אחדות הבורא והנברא“, אַ פאָלקאָמע שלימות׳דיקע איינהייט, אויס גלות. דאָס גלות נעמט זיך פון שנאה קנאה, מחלוקת, און אַז חסידים טרינקן משקה מיט אַ אמת׳דיקע אהבה, און דריקן זיך ברידערלעך די הענד, די צען פינגער, מאַכט מען אַ התחברות פון דער בריאה, פון די „עשר ספירות“, די צען העכערע גייסטיקע כוחות פון אַנטוויקלונג און כסא־הכבוד׳יגע וועלט־שאַפונג, וואָס האָט נאָר אַ קיום דורך סודות׳דיקע אחדות ואהבה, דאָס הייסט גאולת ישראל און גאולת השכינה . . .

יצחק׳ל קונדעס זאָגט לחיים, מיר זאָלן דערלעבן די אמת׳ע גאולה, אַקעגנטאַנצן דעם מלך המשיח בשמחה. דערביי הויבט זיך אָן אַ שמועס וועגן דער גאולה לעתיד און חבלי משיח. דער גרויסער ר׳ אהרן גיט צו פאַרשטיין אַז יעדער הויכער רעיון און דביקות איז אַ ענין גאולה. יעדער פריילעך ניגונ׳דל איז אַ קול פון שופר של משיח. יעדער ריקוד׳ל זענען די פעמיו של משיח, די טריט פון גואל צדק. יעדער רגע עצבות איז גלות השכינה. די תשוקה, די בענקשאַפט, די הויכע השגות זענען הבלי משיח, יסורים של אהבה. יעדע שמחה איז אַ שיר לעתיד לבוא. יעדער מינוט פון אהבה און שמחה איז אַ שטיק פון אחרית הימים. אַזוי איז מען איבערגעגאַנגען ממדרגה למדרגה, פון רעיונות צו שירה, פון שירה צו זמירות, פון זמירות צו רקודים, „מחיל אל חיל“. אַלעס האָט זיך צוזאַמען געפלאָכטען ווי אַ פּרוכת צו דעם כסא הכבוד, ביז דער ערשטער מאָרגן־שטראַל פון נץ החמה האָט זיך באַוויזן מיט אַ חסד׳יגע שיינקייט, חסד־שבתפארת, און האָט געברענגט אַ באַגריסונג פון דער „אין־סוף“ ליכטיקייט. עס האָט זיך דערהערט דער רוף פון דעם שטאָטשמש אין שול אַריין, דאָס איז געווען אַ רמז, אַז מען מוז מאַכן אַ שטיקל הפסקה, צו דערפרישן דעם מוח, האָבן אַ ביסל מנוחה דאָס מען זאָל קענען אויפנעמען די ליכטיקייט, די שמחה פריילעכקייט פון בייטאָג, שמחת יום טוב, און הערן לייענען די שירה . . . און האָבן אַ השגה אין אז ישיר משה . . .

**יוסף נוימאַן**

# יוחנן יאַחטשיק!

(אַ תּל־אָביב׳ער טיפּ)

אַ דאַר קליין איינגעשרימפּן יידל, אַ פּנימעל ווי אַ ניס, אַ מעטער צוואַנציק די הויך. דער רשע אין אים — דריי מאָל אַזוי גרויס.

און דווקא אים האָט דאָס די השגחה אויסגעקליבן זיין דער בעל־בית איבער הונדערטער אַרבעטער אַלס מנהל עבודה (אַרבעטס־לייטער) אין איינער פון די גרעסטע אין לאַנד בוי־געזעלשאַפטן.

זיין רשעות איז אַ שם דבר אין דער גאַנצער שטאָט — דער שטאַרקסטער גבור, אַז ער פאַלט צו אים אין די הענט אַריין, ווערט ער גלייך אויס קאַפּעליוש־מאַכער, מאַכט פון אים אַש און בלאָטע. דאַכט זיך אַזאַ גאָרנישטל — איין קליינטשיקער שאָקל און אויס יאָחטשיק — הויבט זיך גאָרנישט אָן, שטאַרק אייזן איז עס. ווען ס׳וואָלטן אין אים כאָטש אַ צענט־חלק מקוים געוואָרן די קללות וועלכע חברה שעלטן אים אַריין אין איין טאָג — וואָלט ער זיך שוין פון לאַנג אָפּגעזעגנט מיט דער זינדיקער וועלט — און אַריבערגעפּעקלט זיך אין ליכטיקן גן־עדן אַריין.

אומעטום איז ער דאָ און ווו מען זייט אים נישט דאָרט וואַקסט ער אויס (בשעת דער אַרבעט פאַרשטייט זיך). מעג זיך אַ יאַט פאַרשטעקן אין פאַרוואָרפסטן ווינקל פון דער געביידע, עפּעס אין אַ לאָך ווי דער שטן אַליין וואָלט אַהין נישט געטראָפן — אָבער נישט ביי יאָחטשיקן.

מיטן אין העלן טאָג — ווען אַ צענדליק מויערער גיבן זיך אַ צעזינג ווי אין אַ כאָר אַלע מיט אַמאָל — „לבנים“, „טיט“ (ציגל, ליים) — און דאָ, דער יאַט וועלכער דערלאַנגט די אַלע גוטע זאַכן — פּאָכעט שוין גאָר מיט דער נשמה, כאַפּט אַ בליק אויפן זייגער — נאָך גאַנצע דרייסיק מינוט צום מיטאָג. — פאַלט אים טאַקע דעם חברה־מאַן איין, מאַכן אַ נורעק אין דעם אויבן דערמאָנטן פאַרוואָרפענעם ווינקל — כאַפּן אַ דעך, און זאָלן חברה מויערער אַרויסשרייען פון זיך די נשמה — וועמען אַרט עס.

יאָחטשיק דערטאַפּט אים אָבער נאָך שנעלער ווי יענער דערכאַפּט דעם אָטעם — און גיט אים אַזאַ טרייב אונטער במשך פון די עטלעכע מינוטן ביז׳ן מיטאָג — אַז דאָס העמד און הויזן דרענגט נעבעך אויס דער יאַט — בשעת אַנדערע עסן און כאַפּן אַריין אַ שעה׳דיק דרימל.

יאָחטשיק האַלט נישט פון קיין נייע אויפטועכצן — מאָדערניזירן, מעכאַניזירן די אַרבעט דאָס איז גוט פאַר שוויץ־קעפּ אָדער סתם פוילע לאַפּיטוטנס — ער האַלט נישט למשל פון אַרויפשלעפּן ציגל מיט אַ ווינדע, ווער דאַרף עס, זאָגט ער, פאַרלייגן אַ גאַנצע אַרבעט — אַ מאַשיניסט מיט אַ צופירער אונטן אַן אַראָפּנעמער און אָפּפירער אויבן און דאָ אין מיטן גיט זיך דיר „ניע האָדאַ און ניע פלאָדאַ“ אַ רייס איבער די קייט אָדער די מאַשין ווערט גאָר קאַליע, דאָ פעלט נעפט אָדער גאָר בענזין — אַ גאַנצע סעמאַטאָכע און אַרבעט אַ מכה. זאָל שוין בלייבן ביים אַלטן סיסטעם — אַז אַ חברה־מאַן גיט אויף זיך אַ נעם אַרויף אַ בענקעלע מיט עטלעכע און דרייסיק ציגל און גיט זיך מיט דעם פּאַקעטל אַ קאַטשע אַרויף אויפן פערטן שטאָק און דאָס אַ פופציק זעכציק מאָל אַ טאָג — מעג זיך די מאָדערנע טעכניק ערגעץ ווו באַהאַלטן, מען דאַרף זי אויף כפּרות. — אַז דאָס בענקעלע מיט די עטלעכע און דרייסיק ציגל זאָל זיך אַרויפקאַטשן זעכציק מאָל אַ טאָג, אויף דעם גיט שוין יאָחטשיק אַכטונג — מ׳קען זיך אויף אים פאַרלאָזן.

געוויינלעך אַרבעטן ביים שלעפּן די ציגל פּאָרלעך, איינער העלפט דעם צווייטן אַרויפלייגן די ציגל אויפ׳ן טראָג־בענקעלע — ס׳קומט שוין אַזוי אויס אַז איין פּאָרל גייט אַרויף מיט ציגל און דאָס צווייטע גייט אַראָפּנעמען ציגל. אויף איינעם פון די שטאָקן איז דער טרעף פּונקט ווי חברה שלעפּער קומען זיך צונויף, מען שטעלט זיך אָפּ — ליידיקע בענקלעך אַרונטערגענומען פון די פּלייצעס, פוילע אונטערגעשפּאַרט מיט ערגעץ ווי אַרומוואַלגערענדיק זיך צעבראָכן ברעטל, מען פאַרלייגט אַ שמועס און דאָס אַ ברייטערן — אָנהויבענדיק מיט פּאָליטיק און געענדיגט ווי דער שטייגער מיט עקאָנאָמיק. אַזאַ מין אויף איין פוס שטייענדיקער שמועס געדויערט ביי אַ קנאַפּע האַלבע שעה — פּעלן דערווייל אויס ציגל ביי די מויערער — ווערט דאָך אַ געוואַלד, דערמאָנט מען זיך אַז מען דאַרף עפּעס טאָן. צעשיידט מען זיך מיט אַ קרעכץ ביזן צווייטן צונויפטרעף. ביי יאָחטשיקן קען דאָס אין לעבן נישט פּאַסירן. מיט דער מינוט ווען חברה ציגל־שלעפּער הויבן אָן אַרויף און אַראָפּ צו שפּאַצירן מיט די טראָגבענקעלעך, גיט ער זיך ווו אויף אַ שטאָק אַ פאַרשטעק און טשאַטעוועט. דערזען אַז די „געזעלשאַפט“ איז אין פולן קאָמפּלעט און איידער זיי מאַכן אויף ס׳מויל און נאָך איידער איין־און־איינציק וואָרט ווערט אַרויסגערעדט — גיט ער זיך אַ יאַווע אויפן האָריזאָנט. בלייבט נאָר איבער אַריינזאָגן אים אין טאַטנס טאַטן אַריין (וואָס חברה טוען מיט פאַרגעניגן און ער מאַכט זיך דערפון אַ צימעס) — און ווייטער שלעפּן די ציגל.

אַ מזל האָבן די חברה וועלכע אַרבעטן מיט יאָחטשיקן אַז טאָמער גייען זיי אַרויס צו אַ נייער געביידע גראָבן יסודות (פונדאַמענטן), מוזן זיי אָנפּאַקן אויפן ערגסטן באָדן. אָדער אַ „חמרה“ (ליימיקער באָדן) אָדער „אַזאַז“ (באָדן געמישט מיט שטיינדלעך). דער באָדן קלעבט זיך צו דער לאָפּעטע ווי אַ נאָס העמד צום לייב. אויסגראָבן אַ קוואַדראַט מעטער געדויערט אַ טאָג און אַמאָל צוויי אויך. מ׳לייגט אַוועק די נשמה, אַחוץ דעם ווערט מען פאַר׳חזר׳ט פון קאָפּ ביז צו די פיס. קריכט מען אַרויס פון אַזאַ גריבל אַ לעבעדיקער, שלעפּט מען מיט זיך מיט אַ פּאָר צענדליק קילאָ וועגעדיקע מיט ליים אָנגעקלעפּטע שיך.

רייניקן דאַרף מען די לאָפּאַטע צו אַלע צרות מיט אַ ספּעציעל דין ברעטל אָדער בלעך יעדע פּאָר מינוט, אויב נישט דאַרף מען מיט זיך מיטברענגען נאָך אַ טוץ — מיט איין וואָרט, אַ גאָלדענע אַרבעט.

יאָחטשיק, דערפאַר, איז אין זיבעטן הימל. נאָר אויף אַזעלכע אַרבעטן וואַרט ער. דאָ געפינט ער זיך אויפן ריכטיקן אָרט. גראָבן חמרה־יסודות האָט

ער ליב ס'לעבן כדי ווייזן חברה ווי גרויסע קאַליקעס זיי זענען. גיט ער פון זיך אַ וואָרף אַראָפּ די אייביק פאַרשמאַלצענע לעדערנע קורטקע וועלכע ער שלעפּט אויף זיך זומער און ווינטער — לצים זאָגן אַז אפילו ביים שלאָפן גיין לאָזט ער אויך פון זיך נישט אַראָפּ דאָס הערלעכע בגד — גיט זיך אַ נעם צו זיין לאָפּאַטקעלע — ווי אַ קרעט גיט ער זיך אַ ניורע אַריין אין האַרטן באָדן אַריין, כהרף־עין איז ער שוין איבער אַ מעטער די טיף אין דעם סאַמען שווערסטן אָרט. חברה באַגיסן זיך מיט קאַלטן שווייס, ווילן מיטהאַלטן, אַרבעטן מיט די לעצטע כוחות, שטרענגען זיך אָן ביז גאָר. יאָחטשיק אָבער אַרבעט זיך געלאַסן מיט'ן לאָפּאַטקעלע זיינעם ווי מיט אַ פידעלע און האָט אַ ווילדע הנאה וואָס אַנדערע ווערן נעבעך אויסגעריסן.

בעטאָנען גיסן האָט ער ליב נאָר אין אַ פרייטיקדיקן טאָג, אַ טאָג אויף וועלכן יעדער איינער וואַרט שוין ווי אַ גוטער ייד אויף משיח'ן — ערשטנס זעט מען פרייטיק די פּיאַסטערס, צווייטנס אַרבעט מען פרייטיק זיבן שעה, דריטנס איז דאָס דער סוף פון דער האָראָוואַניע־וואָך — ס'קומט דער ליבער שבת און מ'וועט קענען זיך אויסגלייכן די ביינער — און טאַקע דערפאַר גלוסט זיך יאָחטשיקן גיסן בעטאָן אין אַ פרייטיקדיקן טאָג און דאָס גראַדע דריי אַזייגער נאָכמיטאָג, ווען חברה זענען שוין באַלד מיט איין פוס אינדערהיים. עפּעס אַ קליין „דעכל", איינגאַנצן אַ פיר־פינף שעה אַרבעט — און אַזאַ „דעכל" אַז מען הויבט אָן גיסן, קען מען עס אין מיטן נישט איבערלאָזן (אַזאַ בעטאָן־געזעץ) — אַרבעט מען אַריין העט אין שבת אַריין; און אַז גאָט העלפט און די געביידע געפינט זיך ערגעץ אונטער די שטאָט, און די קאָמוניקאַציע איז צוליב שבת איבערגעריסן געוואָרן, „דראַלעוועט" מען (מ'גייט צו פוס) אַ פּאָר שיינע קילאָמעטער, אַהיים קומט מען אַ טויט־מידער, אַ גע'הרג'עטער. יאָחטשיקן אַרט עס זיכער ווי דער פאַראַיאָריגער שניי.

חברה זוכן פאַר אים אַ „טויט", מען האָט שוין אויף אים „נישט־ווילענדיק" אַראָפּגעלאָזט עטלעכע עמערס מיט טיט, אַ קעסל מיט בעטאָן האָט זיך אויף אים „נישט־זעענדיק" אויסגעגאָסן, אַ רעלס (אייזן שטאַנגע) האָט אים „נישט־וויסנדיק" פאַרטשעפּעט אַ זייט. אָבער נישט צום מאַכן — ס'העלפט נישט. אפילו ווען די גאַנצע שטאָט ליגט אויף פּאָפּאַטאַטשע איז נישט אים מיינט מען. ער גראָבט איין טיפער דאָס דאַרע קעפּעלע אין דעם אויפגעשטעלטן קאָלנער פון דער לעדערנער קורטקע, קריכט אין אַלע לעכער און טרייבט אונטער די חברה — אַז איין גאָט זאָל זיך נאָר דערבאַרעמען...


ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון"

אבאנירט „לשון און לעבן"

אנאנסירט אין דעם איינציקן יידישן זשורנאל אין ענגלאנד

קומט צו אונזערע יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס




דר. יעקב י. מייטלים

# תנך'ישע געשטאַלטן*)

## (יידישע פרויען: תמר און רות)

די תנך'ישע דערציילונג צייכנט זיך אויס דורך איר צמצום פון סטיל. זי איז קנאַפּ אין איר פאָרם, פּרעציז און קורץ. דער אַנטיקער דערציילער וועגט אָפּ זיינע ווערטער, ער דערציילט נאָר דאָס נויטיקסטע. זיין פשטות איז ממש געניאַל. מיט ווייניקע ווערטער, מיט אַ פּאָר קנאַפּע שטריכן פירט ער דיך אַריין אין דעם סאַמען קאָמפּליצירטן געמיט־צושטאַנד פון זיין העלד. דאָרט, ווו מיר היינטיקע דערוואַרטן פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפונג, פּרטים'דיקע כאַראַקטער־שילדערונגען, גיט דער אַנטיקער דערציילער האַנדלונג. אין האַנדלונג קומט צום אויסדרוק דאָס לעבן, פון אים קען מען זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל, זיך בעסערן און גיין בדרך הישר. דאָס איז אין תוך רעליגיעזע ליטעראַטור. אין איר האָט זיך אַנטפּלעקט דער יידישער גייסט פון קדמונים.

דער אַלטער דערציילער איז פאָלקסטימלעך. ער רעפלעקטירט נישט. זיינע אייגענע באַטראַכטונגען זיינען פאַר אים נעבעכזאַך. ער דערציילט אונדז גאָרנישט פון דעם נשמה־לעבן פון זיינע העלדן, זייערע געדאַנקען און געפילן: די שפּאַנונג און האָפנונג, די טרויער אָדער פרייד, דער אויסברוך פון צאָרן אָדער ליבשאַפט. וועגן דעם אַלעם שטויסן מיר זיך אָן אין די רעדעס און האַנדלונגען פון די העלדן. די באַשרייבונג באַטייט פאַר אים גאָר ווייניק, די שטימונג, דער קלימאַט פון דער דערציילונג אַלץ. ווייל די שטימונג בויט זיך אויף אויף דעם לעבעדיקן, אַרויסגערעדטן וואָרט. דאָס וואָרט איז צאַפּלדיק און אוממיטלבאַר. עס רייסט, עס שרפהט און צינדט. דאָס וואָרט איז אַמאָל געווען באַגלייט פון באַוועגונג און שפּאַנונג, עס האָט געהאַט קלאַנג און פאַרב. עס איז געווען די לעבעדיקע, דירעקטע פאַרבינדונג פון מענטש צו מענטש, פון פירלייענער צום צוהערער. דאָ האָט גערעדט די שטים, די וויבראַציע, די מימיק און האַנדזשעסטיקולאַציע, וואָס האָט אויסגעדריקט סיי פרייד און דערוואַרטונג, סיי שפּאַנונג און טרויער. דאָס האָט צעצונדן די הערצער, דערוואַרימט די נשמות און פאַראינטריגירט. דער גאַנצער געמיט־צושטאַנד איז געוואָרן אויסגעדריקט אין האַנדלונג, אין אַקציע און באַוועגונג. דער דערציילער האָט תמיד געהאַט פאַר זיינע אויגן דעם גאַפנדיקן, אינטערעסירטן עולם, וואָס האָט געשאַפן די שטימונג פאַר זיינע העלדן, וואָס האָט רעאַגירט, וואָס האָט מיטגעשאַפן. ער האָט דערפאַר איבערגעלאָזט צו דער פאַנטאַזיע פון זיין עולם־צוהערער די פּרטים פון די פּסיכאָלאָגישע איבערלעבענישן און רעאַקציעס. אַ דעטאַלירטע שילדערונג, אַ פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפונג האָט זיך נישט געפאָדערט.

---

*) אַ קצור פון אַ גרעסערן עסיי „תמר און רות".
וועגן תנך'ישן דערציילער־סטיל

## 1. תמר

די עקספּאָזיציע פון דער תמר־געשיכטע (בראשית קאַפּ. 38; נישט צו פאַרוועקסלען מיט דער ליבעס־געשיכטע פון אמנון און תמר, דוד׳ס קינדער אין שמואל ב׳, י״ג) איז זייער אַ קורצע. אין דעם אַריינפיר ווערט אונדז דערציילט, אַז יהודה האָט פאַרלאָזט זיינע ברידער, אַוועק צו זיינעם אַ פריינט חירה פון עדולם און זיך דאָרט מתחתן געווען מיט דער טאָכטער פון שוע (איר נאָמען ווערט נישט דערמאָנט), וואָס האָט אים געבוירן דריי זין. אַז ע ר, זיין עלטסטער זון, איז אונטערגעוואַקסן, האָט יהודה אים געגעבן תמר פאַר אַ ווייב. ער איז אָבער באַלד געשטאָרבן („גאָט האָט אים געטויט“, זאָגט דער פסוק). לויטן מנהג פון יענער צייט האָט דער ברודער פון קינדערלאָז פאַרשטאָרבענעם געמוזט נעמען זיין אלמנה פאַר אַ ווייב, כדי „אויפצושטעלן דעם נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם אויף זיין נחלה“. אונן דער צווייט־עלטסטער טוט זיין פליכט. ער נעמט די אלמנה פאַר אַ ווייב. אָבער פאַרבאָרגענערהייט, זעט זיך אויס, סאַבאָטירט ער דעם מנהג פון קדמונים צו געווינען קינדער פאַרן פאַרשטאָרבענעם ברודער. דער דערציילער זאָגט אונדז נישט אויס די סיבות פון קאָנפליקט; וויל ער האָבן אייגענע קינדער? רעוואָלטירט ער קעגן דעם מנהג צו לעבן אין שאָטן פון זיין טויטן ברודער? גאָט אָבער, איז דער דערציילער ממשיך אין זיין פשטות, טויט אויך אונן און תמר בלייבט אַ וויסטע אלמנה נאָך צוויי יונגע מענער.

נאָכן טויט פון זיין צווייטן זון, האָט שוין יהודה מורא פאַרן לעבן פון זיין דריטן זון שלה. דעם טאַטנס האַרץ דערלאָזט נישט, אפשר, אַזוי לערנען מיר פּשט, וועט מיט אים אויך געשען אַן אומגליק און ער וועט שטאַרבן. הייסט ער דערווייל תמר׳ן אַהיימגיין צו איר פאָטער און צווואַרטן ביז שלה וועט אונטערוואַקסן. קען זיך אַ מאָדערנער לייענער לייכט אויסמאָלן די שטימונג, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס אָנגעווייטיקטע האַרץ פון אָט דער וויסטער אלמנה, וואָס מוז זיך יעצט צוריקקערן אַהיים אָן קינדער און אָן אַ מאַן. וואָס וועט מען יעצט וועגן איר טראַכטן ביים פאָטער אין דער היים, וואָס וועלן מענטשן זאָגן? אויב אַ פרוי האָט אין דער אַלטער צייט געהאַט קינדער איז דאָס געווען אַ גרויסער כבוד אי פאַר איר און אי פאַר דער סביבה. עס האָט דערהויבן איר פרעסטיזש און שטעלונג אין דער משפחה און אין שבט און געמאַכט זי מיט לייטן גלייך. צו זיין אָבער קינדערלאָז איז געווען אַ שווערע שטראָף. דאָס האָט די פרוי געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר יעדן.

אָט די אַלע באַטראַכטונגען האָט דער אַלטער דערציילער נישט געמאַכט. ער האָט וועגן דעם געשוויגן. דאָס האָט זיך אָבער אַזוי זיין צוהערער־עולם אויסגעמאָלן, אַזוי האָט ער מיטגעלעבט און מיטגעשאַפן.

וואָס וועט יעצט די אָרימע, געפייניקטע תמר טאָן, דוכט זיך, הערן מיר ווי דער דערציילער פרעגט. וואָס וועט זיין איר גורל? וועט זי איינדאַרן ווי אַ פּרוכטלאָזער בוים, אָדער ווידער אַמאָל אויפבליען און טראָגן אַ צייטיקע פרוכט אין איר שויס? ניין, תמר איז קלוג, זי איז מוטיק. די אַלטע צייט האָט



באַזונדערס הויך געשאַצט דעם מוט און די קלוגשאַפט פון דער פרוי. תמר רעזיגנירט נישט. באַלד וועט זיין אַ געלעגנהייט, וו זי וועט באַווייזן איר מוט און מעשים־גרייטקייט.

עס פאַרגייט אַ שטיק צייט. ביי דעם רייכן פי־ציכטער יהודה גייט מען שערן די שאָף. אין דער אַלטער צייט איז דאָס געווען אַ וויכטיק געשעעניש, אַ שטיק נאַטור־יום־טוב. יהודה האָט מן הסתם אין גאַנצן פאַרגעסן אין תמר׳ן און אין זיין צוזאָג, ווייל ער האָט איר זיין זון שלה אַלץ נאָך נישט געגעבן פאַר אַ מאַן. צו דער שאָף־שערונג גייט יהודה מיט זיין פריינט חירה פון עדולם. ווי אַלע נכבדים פון יענער צייט, טראָגט אויך יהודה אַלס צייכן פון זיין הויכער שטעלונג און חשיבות זיין זיגלרינג (חותם), אַ קייט (פתילים) און אַ טייערן, אַ מין לוקסוס־שטעקן (מטה). אַזוי האָבן אויך געטאָן די געאַכפּערטע אין אַלטן בבל און מצרים. דעם זיגלרינג האָט מען באַנוצט צו חתמענען פון אָפּמאַכן.

כדי צו צווינגען דעם שווער מקיים צו זיין די הבטחה, פאַרשטעלט זיך תמר אַלס אַ הייליקע זונה*) (קדשה), זעצט זיך אויפן אָפענעם וועג און וואַרט אָפּ יהודה׳ן. וויפיל מוט און זעלבסט־פאַראַכטונג האָט די פרוי, וואָס האָט זיך צו אַזאַ געוואַגטן שריט אַנטשלאָסן, געמוזט האָבן, וויל אונדז, דוכט זיך, דער דערציילער געבן צו פאַרשטיין. אין דער אמת׳ן שווייגט ער. ער האָט נאָר איין ציל צו דערציילן און ווי ווייט מעגלעך מיט קנאַפּע, קורצע ווערטער, אָן איבעריקן פּאַטאָס און דראַמאַטישקייט, ווי די מוטיקע תמר צווינגט איר שווער איר צו געבן אַ קינד, וואָס זאָל אויפשטעלן דעם נאָמען פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן.

יהודה דערקענט תמר׳ן נישט. אַלס לוין זאָגט יהודה איר צו צו שיקן אַ ציגעלע אַלס מתנה. די קלוגע תמר פאַרלאַנגט אָבער דערווייל אַ משכון און יהודה לאָזט איר איבער זיין זיגלרינג, די קייט און שטעקן. ווען יהודה שיקט איר שפּעטער דאָס צוגעזאָגטע ציגעלע און וויל אויפמאָנען זיין משכון, קען מען די קדשה נישט מער אָפּזוכן. איז זי דאָך אין דער אמת׳ן נישט קיין קדשה און דערפאַר טאַקע איז זי אַוועק צו זיך אַהיים, איבערגעטאָן אירע אלמנה־קליידער און גענומען וואַרטן. וואַרט זי אַלץ נאָך אויף יהודה׳ס ייִנגסטן זון שלה. איינצווישן ווערט איר צושטאַנד קלאָר. מען מעלדעט יהודה׳ן, אַז זי איז געוואָרן טראָגעדיק און ער הייסט, אַז מען זאָל זי פאַרברענען. אַזוי האָט פאַרלאַנגט דער יידישער דין. ווערט טאַקע תמר אַרויסגעפירט צו דער עקזעקוציע.

די דראַמע דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט. די שפּאַנונג איז גרויס. וואָס וועט יעצט ווערן? וועט תמר ליידן אומזיסטע טויט־שטראָף, שמאַך און שאַנד? וועט זי שטאַרבן דעם טויט פון אַ פאַראַכטעטער פרוי? ניין, דוכט זיך,

*) די רעליגיעזע פּראָסטיטוציע האָט אַמאָל אין נאָענטן מזרח געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע ביי אַלע קולטור־פעלקער. די נביאים האָבן געגן דעם שענדלעכן מנהג געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף ביז עס איז געלונגען אים אַרויסצורייסן מיטן וואָרצל פון לעבן פון פאָלק. אין ספר דברים געפינען מיר דעם בולט׳ן איסור מיט די ווערטער „לא תהיה קדשה מבנות ישראל“...

וויל אונדז דער דערציילער טרייסטן. דערצו וועט עס נישט קומען. תמר איז אַ קלוגע, זי האָט איר ענטפער. אין מאָמענט פון העכסטער שפּאַנונג נעמט זי אַרויס דעם באַגערטן משכון, וואָס זי האָט באַקומען פון יהודה'ן. יעצט זיצט זי שוין נישט מער אויף דער באַשולדיגונגס־באַנק, נאָר טאַקע יהודה. ער זעט איין, אַז זי איז גערעכט. ער האָט איר דאָך שלה'ן נישט געגעבן פאַר אַ מאַן. מיט אַמאָל ענדערט זיך די גאַנצע לאַגע. עס דוכט זיך, ווי דער דערציילער וואָלט אין זיין צמצום'דיקן סטיל וועלן אונדז געבן אָנצוהערן: נאָט, זעט וואָס פאַר אַן ענדערונג עס איז דאָ מיט אַמאָל פאָרגעקומען! די אָקאָרשט געהאַסטע און פאַראַכטעטע תמר איז געוואָרן ממש איבער נאַכט רעהאַביליטירט. אַנשטאָט שאַנד און אומכבוד, באַקומט זי יעצט אַ סך אַנערקענונג פאַר איר מוטיקע טאַט. פרויען וועלן זי עפנטלעך לויבן, אומעטום וועט מען רימען איר קלוגשאַפט און מוט.

אַזוי איז עס טאַקע שפּעטער געווען. הערן מיר טאַקע אין ספר רות ווי ווייבער, וואָס האָבן געקענט די דערשטוינלעכע געשיכטע פון תמר'ן, ווינטשן זיך צו זיין ווי תמר אין ישראל, דער סימבאָל פון אַ טרייער, געאַכפּערטער יידישער פרוי.

## 2. רות

די מעשה תמר איז מסתמא אַ לאַנגע צייט געוואָרן דערציילט בעל־פּה, איבערגעגעבן מיט וואַריאַציעס פון דור צו דור, רעציטירט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, איידער זי האָט באַקומען איר יעצטיקע קינסטלערישע פאָרם. דאָס ספר רות אָבער, וויל זיך מיר דוכטן, איז אַ ווערק פון איין קינסטלערישער האַנד, מיט ווייניק הוספות און שנויים, אַ רייפער פּראָדוקט פון אַ לאַנגער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג. אין דער יעצטיקער געשטאַלט איז „רות" אַן אָפּגעשלאָסענע, קליינע נאָוועלע, איינע פון די שענסטע און סאַמע פּאָעטישע אין דער וועלט־ליטעראַטור.

דער הויפּט־מאָטיוו פון דער נאָוועלע איז, ענלעך ווי אין דער תמר־געשיכטע, די טריישאַפט פון דער פרוי צו איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. רות באַשטייט כל המיני נסיונות, איר לעבענס־וועג איז אַ האַרטער, אָפט נאָענט צו פאַרצווייפלונג, אָבער זי גיט זיך נישט אונטער. זי האָט מוט, ווי אַלע כאַראַקטער־געשטאַלטן אין דער אַלטער צייט, זי קעמפט און זיגט. איר בטחון אין גאָט פון ישראל ווערט רייך באַלוינט, איז דער מוסר השכל פון דער פרומער דערציילונג. פון איר איז שפּעטער אַרויסגעקומען איינער פון די גרעסטע זין פון יידישן פאָלק, דוד המלך.

באַלד פון אָנהויב אָן וויל אפנים דער מחבר, אַז מיר זאָלן ווי געהעריק אָפּשאַצן די שווערע זעלישע לאַגע פון דער איינזאַמער, פאַרוואָגלטער אלמנה. די מכשולים זיינען זייער גרויס. זי האָט איר מאַן פאַרלוירן, געבליבן אָן קינדער, וואָס זאָלן זיין פאַר איר אַ טרייסט און אַ שוץ. דערצו איז זי נאָך אַ פרעמדע אין יידישן לאַנד, גאָר אַ וויכטיקער פּסיכאָלאָגישער פאַקטאָר פאַר דעם אַנטיקן מענטש. אויב רות גייט אַוועק קיין יהודה, פאַרלאָזט זי ממילא איר



לאַנד און איר גאָט. איר שוויגער, נעמי, מיט וועלכער זי קומט צוריק קיין בית־לחם, איז אַליין אַ וויסטע, ביטערע אלמנה, אָרים און הילפלאָז. אויף וועמען קען זיך רות פאַרלאָזן, ווער וועט איר העלפן, דוכט זיך, וויל דער דערציילער פרעגן. וואָס וועט זי טאָן, כדי צו דערהאַלטן דאָס געדעכעניש פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן?

יאָ, גיט אונדז דער דערציילער אָנצוהערן, רות איז פונקט אַזוי ווי די אַמאָליקע תמר אַן ענערגישע, קלוגע און מוטיקע פרוי. זי ווייס וואָס צו טאָן. איר באַשלוס איז אַ פעסטער. זי איז גרייט צו נעמען אויף זיך כל המיני ליידן, אַבי צו פאַרבלייבן מיט נעמי'ן, איר שוויגער. דער בונד איז אַ בונד פון טיפער, ערלעכער טריישאַפט. ערפּה איר שוועגערין איז געווען אַ מער פּראַקטישע. זי האָט איינגעזען די שוועריקייטן און זיך באַצייטנס צוריקגעקערט אַהיים. נישט אַזוי רות. זי איז געווען געשניצט פון גאָר אַן אַנדערן האָלץ. זי וואַרפט אַוועק איר פאַרגאַנגענהייט, נעמט אויף זיך ביודעים דעם עול פון יסורים, כדי זיך צו באַהעפטן מיטן פאָלק ישראל. עמך — עמי, אלהיך — אלהי, דיין פאָלק איז מיין פאָלק, דיין גאָט איז מיין גאָט, רופט זי אויס מיט אַ טיפן פּאַטאָס. זי איז שטאַנדהאַפטיק, די מואב'רן. זי גייט איר וועג מיט טיפער קאָנסעקווענץ און אינעווייניקסטער זיכערקייט. האָט זיך טאַקע די שפּעטערדיקע צייט געגרויסט מיט אָט דער גיורת. וואָס פאַר אַ הערלעכן קראַנץ פון לעגענדעס און מדרשים האָט דאָס פאָלק געוועבט אַרום איר. איז נישט דער גרעסטער יידישער קעניג, דוד המלך אַליין אַרויסגעקומען פון איר? און וועט נישט צום סוף פון די דורות אויך דער מלך המשיח זיין פון אָט דעם געהויבענעם שטאַם? האָט איר נאָך געזען אַ פאָלק, וואָס זאָל זיין אַזוי שטאָלץ מיט דעם פרעמדען אָפּשטאַם פון זיין גרעסטן קעניג אין דער פאַרגאַנגענהייט און דעם צוקונפטיקן וועלט־דערלייזער? וואָס פאַר אַ טעם האָבן די אַלע רייד פון יידישער עקסקלוסיוויטעט, פון אַן ענגען אתה־בחרתניזם!

אַזוי וואַנדערט רות, וואָס שטאַמט פון מואב, מיט איר שוויגער נעמי קיין בית־לחם אין יהודה. קומען זיי אַהיים, גייט די שטאָט כאַדאָראָם. די אויפרודערונג איז גרויס. „הזאת נעמי?" פרעגן זיך אַלע, וואָס האָבן זי געקענט. איז דאָס די זעלביקע רייכע, שיינע, ליבלעכע און גליקלעכע נעמי, דאָס ווייב פון אלימלך פון אַמאָל? ניין, זי איז נישט מער די זעלביקע נעמי, זי איז יעצט אַ פאַרביטערטע און אַ באַטריבטע. זי האָט אַלץ פאַרלוירן. וואָס פאַר אַ דערשיטערנדיקע שטימונג אין די דאָזיקע ווייניקע שורות. וואָס פאַר אַ רייכקייט און טיפקייט פון געפיל!

יעצט פירט אונדז דער דערציילער אַריין מיט עטלעכע קנאַפּע שטריכן דעם קעגן־העלד בועז. האָבן מיר זיך אים פאָרצושטעלן אַלס אַ פאַרמעגלעכן מענטש, אַ פּויער, אַן אָנגעזעענער מענטש ביי זיך אין שטאָט. האָבן מיר אין אים אַ פּראַכטפולן, פולבלוטיקן טיפּ פון דער אַלטער צייט: ערלעך, יושרדיק, פּשוט און געטריי, אַ בן־חיל. צו אים ווענדט זיך רות נאָך הילף, ער איז דאָך דער קרוב, וואָס דאַרף „אויסשפּרייטן זיינע פליגלען איבער זיין דינסט" און זי

נעמען פאַר אַ ווייב. האָבן מיר אין די עטלעכע קאַפּיטלעך אַ קנאַפּע אָבער מייסטערהאַפטע שילדערונג פון דעם פויערישן שטייגער־לעבן אין אַלטן ישראל. עס שמעקט מיט לאַנד און פעלד, מיט פרישער תבואה און גערעטעניש, מ׳יט ערד־אַרבעט, לעבנס־פרייד און צופרידנקייט. הערן מיר פון דער שניט־צייט אין יהודה, ווי רות, די אָרימע קרובה, גייט אַרויס אין די פעלדער פון רייכן בועז צו קלויבן אַ פּאָר מעסטלעך תבואה, פון די זאַנגען, וואָס פאַלן נאָך די שניטער. בועז באַמערקט רות׳ן אין פעלד, איר באַשיידנקייט און צניעות ציען זיין אויפמערקזאַמקייט. ברייטהאַרציק און מיט אַ זשעסט פון הרחבת הדעת לאַדעט ער זי איין צו פאַרבלייבן אין דער צייט פון שניט אויף זיינע פעלדער. צו די שניטער גיט ער אַ באַפעל זי נישט צו טשעפּן, זיך פאַרהאַלטן צו איר פריינטלעך און איר דערלויבן צו קלויבן דאָס ביסל זאַנגען אפילו צווישן די בינטלעך. ער וויל נישט, אַז זי זאָל זיך פילן פאַרשעמט. אדרבא, אַז עס קומט די עס־צייט זאָל זי צוזאַמען עסן מיט די פעלד־אַרבעטער. עסט זי טאַקע, ווערט זאַט און לאָזט נאָך איבער.

אין הינטערגרונד פון אָט די געשעענישן באַמערקן מיר די קלוגע, מ׳וטיקע און דערפאַרענע נעמי. זי איז דאָס פאַר רות׳ן ווי אַ מאַמע און אַ געטרייע וועג־באַגלייטערין. זי העלפט איר טאַקע מיט אַ סך רייפער איבערלייגונג און פּלאַנט איר צוקונפט מיט אַ גרויסער מאָס טאַקט און געשיקטקייט.

אויף דער שוויגער׳ס עצה גייט רות אין דער נאַכט צו בועז׳ן אין שייער אַריין. האָבן מיר ווידער אַמאָל אַ פּראַכטפול בילד פאַר אונדזערע אויגן. עס איז אַ קילע זומער־נאַכט נאָך אַ הייסן אַרבעטס־טאָג. בועז דרעשט ביי זיך אין שייער די איינגעזאַמלטע תבואה פון די פעלדער. דער קילער נאַכט־ווינט, וואָס בלאָזט פון ים העלפט אויסשיידן די שווערע, פולע גערשטן־קערנער פון די זאַנגען. בועז דער רייכער פויער בלייבט מיט זיינע פעלד־אַרבעטער ביי דער אַרבעט. מען עסט, מען טרינקט און עס הערן זיך פריילעכע געזאַנגען פון שייער. בועז בלייבט איבער נאַכט אין פעלד, כדי צו היטן די תבואה, די פּראַצע פון אַ גאַנץ יאָר.

אין יענער נאַכט נידערט רות אַראָפּ צו בועז׳ן אין שייער. עס איז אַ פּלאַן פון אַ סך ליבשאַפט און קוראַזש. רות טוט עס נישט פאַר זיך. זי האָט אַ העכערן ציל אין זינען. עס איז די טריישאַפט צו איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. דאָס גיט איר אַ געפיל פון פאַרטרויען און מוט. עס איז אין מיטן נאַכט. בועז וואַכט אויף אַ פאַרציטערטער, ער באַמערקט אַ פרוי ביי זיך צופוסנס. וואָס פאַר אַ שלל פון דראַמאַטישן שטאָף, און ווי צניעות׳דיק־באַשיידן, קנאַפּ אין אויסדרוק מאָלט אונדז דער מחבר פון דער נאָוועלע די דאָזיקע דעליקאַטע סצענע. רות גיט זיך בועז׳ן צו דערקענען. זי האָט צו אים איין בקשה. ער איז איר איינציקער גואל, זאָל ער זי באַפרייען פון איר שווערער לאַגע. בועז איז ממש גערירט פון איר געטריישאַפט. ער איז גליקלעך, וואָס זי איז געקומען צו אים. ער וועט איר דעם דאָזיקן חסד נישט פאַרגעסן. ער וועט נישט רוען, ביז ער וועט נישט אַלץ אַדורכפירן, כדי זי צו נעמען פאַר אַ ווייב. אינם גרוי פונם זומערדיקן פרימאָרגן



שיקט ער רות׳ן אַהיים. זאָל קיינער נישט וויסן, אַז ביי אים האָט דאָ איבער־גענעכטיקט אַ פרעמדע פרוי. אַלס אַ געשאַנק גיט ער איר מיט אַ מאָס פרישע גערשטן.

דאָס אַלץ ווערט דערציילט מיט אַ סך צמצום און איינגעהאַלטנקייט, אָן איבעריקער דראַמאַטישקייט און געקינצלטן פּאַטאָס. די אַלטע דערציילונג איז אין איר תמצית און געבוי פאָלקסטימלעכער און דערפאַר טאַקע וואַרימער און האַרציקער. זי איז שפּאָרעוודיק אין איר שפּראַך און באַנוצט זיך מיט סאַמע איינפאַכע מיטלען, וואָס רעדן מער צום האַרץ ווי צום מוח פון די צוהערער און דערצילן אפשר דערפאַר טאַקע דעם געוווּנטשענעם עפעקט. דער נאָוועליסט פון „רות“ איז אַ טיף־רעליגיעזער מענטש. זיין שפּראַך איז סובטעל, זיין סטיל איינגעהאַלטן. די סאַמע קאָמפּליצירטע סיטואַציעס מאָלט ער מיט צאַרטע, ווייכע קאָלירן, וואָס פאַרדעקן אָפט מער ווי זיי דעקן אויף.

דאָס ספר „רות“ איז בעצם אַן אידיליע. פון יעדער שורה טראָגט זיך צו אונדז אַנטקעגן דער ריח פון פעלד, פון אַרבעט און צופרידנקייט, פון פשטות און ערלעכקייט. אומעטום הערשט אַ שלוה׳דיקע פאַר׳חלום׳טקייט און אַ ליב־לעכע רו, וואָס וואַרעמט און דערקוויקט דאָס האַרץ. אַלץ איז דאָ אַזוי מענטש־לעך נאָענט, אַזוי ציכטיק און שיין, — עס איז טאַקע די אַלטע גוטע צייט!

סיי אין ספר „רות“ ווי אין דער מעשה תמר טרעפן מיר זיך אָן מיט דעם אַלטן יידישן מנהג, אַז דער קרוב (אָדער ברודער) פון פאַרשטאָרבענעם נעמט זיין קינדערלאָזע אלמנה פאַר אַ ווייב, כדי דעם טויטן „אויפצושטעלן אַ נאָמען אין ישראל“. דער דאָזיקער מנהג איז געווען פאַרשפּרייט ביי אַ סך קולטור־פעלקער אין דער אַלטער צייט. מען האָט געוואָלט פאַרהיטן, אַז דער נאָמען פון דעם קינדערלאָזן זאָל נישט אויסשטאַרבן, אַז זיין באַזיץ זאָל נישט בלייבן אָן יורשים. דעם אַנטיקן מענטש איז געווען פרעמד דער געדאַנק, אַז דער מענטש זאָל עפּעס אַוועק פון דער וועלט נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין יורש, קיין המשך, אַז זיין נאָמען זאָל ווערן מיט זיין טויט פאַרלאָשן פון צווישן זיינע ברי־דער. דער אויסקוק פון דעם מענטש אין דער אַלטער צייט איז בעצם געווען אַ קאָנקרעט עולם־הזה׳דיקער. פאַר אים האָט נאָר עקזיסטירט איין פאָרם פון לעבן און דאָס איז געווען אויף ד ע ר ערד, אויף ד ע ר וועלט. צוליב דעם איז וויכטיק געווען, אַז דער נאָמען פון דעם קינדערלאָז פאַרשטאָרבענעם זאָל פאַרבלייבן לעבן און זיין אלמנה, די טרעגערין פון זיין זאָמען, זאָל אויפ־שטעלן קינדער נאָך אים, כדי „עס זאָל נישט פאַרשניטן ווערן דער נאָמען פון טויטן פון זיינע ברידער און פון טויער פון זיין אָרט“. אגב אין דעם אויסדרוק „ביים טויער פון זיין אָרט“ האָט זיך נאָך דערהאַלטן אַ קולטור־היסטאָרישער רעשט, וואָס איז כדאַי אויפצוקלערן. דער טויער (שער) איז אין דער אַלטער צייט געווען דער צענטער פון שטאָטישן לעבן. דורכן טויער זיינען מענטשן אָנגעקומען פון דרויסן אין שטאָט אַריין, זיינען געצויגן קאַראַוואַנען מיט קעמ־לען, וואָס האָבן געפירט סחורות פון ווייט. דאָרט האָט מען געהערט אַלע נייעסן פון דער נאָענט און פון דער פרעמד. דאָרט האָבן זיך אויך געטראָפן די עלט־

סטע פון שטאָט, כדי זיך צו באַראַטן. צו שטאַרבן און נישט איבערלאָזן נאָך זיך אַ ווערטיקן, מענלעכן יורש, וואָס זאָל בכוח זיין ממלא זיין דעם פאָטער׳ס פלאַץ אויך „ביים טויער״, איז געווען לויטן באַגריף פון דער אַלטער צייט אַ שווערער קלאַפּ. דעריבער האָט די געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג געהיטן, אַז דער נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם זאָל נישט פאַרשניטן ווערן פון צווישן די לעבעדיקע און טאַקע אויך נישט פון פאַרזאַמלונגס־פלאַץ, ביים טויער פון שטאָט.

נאָך אַ לענגערער לעגאַלער פּראָצעדור, פאַרבונדן מיט דער צערעמאָניע פון חליצה, וואָס קומט פאָר ביים טויער פון שטאָט, אין דער אַנוועזנהייט פון די עלטסטע און פון פאָלק, לייזט בועז אויס סיי רות׳ן און סיי די נחלה, וואָס איז איבערגעבליבן נאָך אלימלך׳ן. בועז נעמט יעצט רות׳ן פאַר אַ ווייב און מען ווינטשט אים, אַז ער זאָל זוכה זיין אויפצושטעלן מיט זיין פרוי אַזאַ הויז ווי אַמאָל פרץ, וואָס תמר האָט געבוירן צו יהודה׳ן. זען מיר דאָ באַשיינפערלעך ווי די דערציילונג פון רות קניפּט אָן אין דער מעשה תמר. עס איז דער זעלביקער מאָטיוו: די טריישאַפט פון דער פרוי און איר אויסערגעוויינלעכער קוראַזש, וואָס העלפט איר אויפצושטעלן אַ יורש און אַ נאָמען פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם מאַן.

סיי רות און סיי תמר זיינען רעאַלע פרויען טיפּן פון יידישן אַלטערטום. עס צייכנט זיי אויס מענטשלעכע קלוגשאַפט, טריישאַפט און קוראַזש, — מעלות, וואָס דאָס פאָלק האָט געוווסט ווי געהעריק אָפּצושאַצן. זייער קאַמף איז אַ מענטשלעכער ביז גאָר. זייער טריישאַפט איז געוואָרן רייך באַלוינט. פון תמר׳ן איז אַרויסגעקומען פרץ. פון אים ציט זיך, אַזוי דערציילט אונדז די גענעאַלאָגיע פון ספר „רות״, אַ דירעקטע ליניע איבער בועז׳ן צו דוד המלך, דעם גרויסן, לעגענדאַרישן קעניג פון יידישן פאָלק.

## עדנא סעינט ווינסענט מיליי

איבערגעזעצט פון דוד אפאלאוו

### נאכמיטאג אויף א בערגל

איך וועל זיין די צופרידנסטע זאַך
אונטער דער זון.
כ׳וועל באַרירן הונדערט בלומען
און ניט נעמען איינע דערפון.
כ׳וועל קוקן אויף פעלזן און וואָלקנס
מיט שטילן בליק.
זען ווי ווינט בייגט איין דאָס גראָז
און ס׳גלייכט זיך אויס צוריק.
און ווען פייערלעך נעמען זיך ווייזן
פון שטעטעלע קליין,
איך וועל אָנצייכענען וועלכעס ס׳איז מיין
און דאַן אַרונטערגיין.



## א. נ. שטענצל

# אין די גאסן פון ירושלים

„וקול התור נשמע בארצנו״

### 1. ווי ווייט איז דען פון הר־ציון ביז צום הר־הצופים

ווי ווייט איז דען פון הר־ציון ביז צום הר־צופים —
אַ פלאַטער־שפּרייז פון פאַרליבטע צוויי טורטל־טויבן;
זוניקע קרייזן אָן אויפהער אַהין און אַהער — — —
כ׳האָב מיינע אייגענע אויגן נישט געוואָלט גלויבן.

אויף די זון באַגאָסענע זינגענדיקע גאָסן
כ׳האָב געזען דעם ליבע־טאַנץ פון צוויי טורטל־טויבן,
געהערט זייער געוואָרקע און עס פאַרשטאַנען,
מיטצוטאַנצן מיט זיי מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן.

בין איך זיי נאָכגעגאַנגען אויף שטילע שפּיץ־פינגער,
די טאַנצנדיקע פאַרליבטע צוויי טורטל־טויבן,
אויף דער צווייטער זייט צוריק זיי זיינען אַריבער,
מיין פאַרטרערטן בליק צום הימל כ׳האָב אויפגעהויבן.

### 2. רינגל איך גאנצע טעג ארום די שטאט ירושלים

רינגל איך גאַנצע טעג אַרום די שטאָט ירושלים,
און אין די נעכט, פולע מיט לבנה און שטערן,
אויף די דעכער איך קריך, אויף די בערג די העכסטע איך קלעטער,
פון דער כותל מערבי כאָטש אַ ווינקל־שטיין צו דערבליקן,
אַ געבראָכענעם שטראַל כאָטש — אין מיינע טרערן.

איידער זון גייט אויף, דער הימל איבער ירושלים —
אַ טויב אַ צעפלאַטערטע, אַלץ העכער און העכער!
אויף די ווייסע פליגל אַ שטויבעלע איך האָב געזען,
אַ ליכטיקס, אַ דורכזיכטיקס, אַן אויפגעהויבן שטויבעלע,
פון דער כותל׳ס קרישלדיקע חורבה־לעכער.

### 3. אין ירושלים די אויפגייענדיקע זון

אין די הענט פון דער געליבטער מ׳לייגט אַריין דאָס פנים,
און עס בלייבט איבער אין זיי אַ פאַרגאָסענע טרער,
אין דער וואַרעמקייט, ביז אין האַרץ אַריין די דערפילטע,
און אין דער טרער קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן שוין מער.

אַזוי האָב איך דערפילט די וואַרעמקייט אויף מיין פּנים,
פון ירושלים די אויפגייענדיקע זון — — —
נאָך טראָג איך זי אין האַרצן טיף באַהאַלטן,
און פון יענע טרער מיין פּנים איז נאָך נאַס דערפון.

## 4. אין דער הייל פונם אש פון די קדושים

אויב די מלכים, דוד און שלמה,
זיינען צו קבורה דאָ געקומען?
מיט קעניגלעכע מלכותדיקייט
ווערט ס׳האַרץ וואַרעם אַרומגענומען;
עס ליגן דאָ באַהאַלטן די רעשטלעך,
פון אַ פאָלק וואָס איז אומגעקומען.

נישט ווייל נידריק דער איינגאַנג אין דער הייל,
איז דער קאָפּ טיף אַראָפּגעבויגן —
דער יראת הכבוד, די שטילקייט דאָ,
מען הערט דאָס טריפן פון די אויגן!
אַלץ קלענער און קלענער מען ווערט ביי זיך,
אַ שמעלצנדיק ליכט איינגעבויגן — —

## 5. כוס של אליהו (באַלאַדע)

אין דער אַלטער שטאָט ביי דער כותל־מערבי
בלייבט אליהו הנביא טרויעריק שטיין:
אַז וואָסער צוועק ווייטער נאָך צו וואַנדערן,
אין אַזאַ פינסטער חושך׳ע וועלט אַריין
צי גלויבט דען ווער נאָך, — צומאָל נישט די קינדער! —
אַז צו טרינקן פונם כוס איך קום צו גיין.

לייגט ער זיין קאָפּ אויף דער כותל־מערבי,
ס׳ציטערט די וואַנט פון זיין שלאָכצענדיק געוויין,
יעטווידער שטיין אַ בעכער אַן אָנגעפילטער
מיט הייסע טרערן זידיק איבערצוגיין,
און ער בלייבט ליגן אויף דער כותל־מערבי
אַ וויינענדיק קינד וואָס שלאָפט ביים סדר איין — — —

און זע, איז עס דער הימל, איז עס מאה־שערים:
הונדערט טויערן עפענען זיך פון אַליין!
און ווי פון אַ ברומענדיק פאַרוווּנדיקטן לייב
אַ שטימע פון צווישן קריצנדיקע ציין:
„שפוך חמתך — —“ און ווי פון כוס של אליהו
מיט זיינע ליפּן באַרירט ער יעדן שטיין —



# אין מיין שטיבל

(צוויי פרילינג לידער)

.1

אונטער גלאָז אויסגעזייעטע זריעה,
אַז וואָס שנעלער די פלענצלעך זאָלן אַרויס,
פונקט אַזוי זעט פלוצלינג אין מיין שטיבל
די זון־צעשפיגלטע טאַפּעטן־וואַנט אויס.

זי עפענט זיך, זי שפּאַלט זיך, זי צעפּראַלט זיך,
אין שאָטנדיקן געפּעבל פון פאָרהאַנג
ס׳וואָלט זיך עפּעס לעבעדיקס צעראָיעט,
אַזוי זעט אויס מיין שטיבל אין זון אויפגאַנג.

און ריטשט נישט ווער די קוואַדראַט־פענסטער,
די פלענצלעך צו באַשיצן פון מינדסטן בלאָז — —
מיין צעוואַרעמט בעט, אַ זון אַ צעשטראַלטס,
אַזאַ זריעה־בייט וואָס שטייט אונטער גלאָז.

.2

פון צווישן די קוימענדלעך הינטן,
פונם רויכיקן געצווייג דאָרט ווייט,
אונטערן גריניטש־באַרג באַהאַלטן,
איבערן וואַסער אויף יענער זייט;

אויפן באַרג דאָרט, אויפן פליכיקן,
פון איינגעגראָבענעם קאָפּ אַ טרער,
אַ גליאיקע, געפאַלן מיר איז,
און געזונקן טיף אַזוי און שווער.

גייט זי אַצינד אויף פאַר מיין פענסטער,
גליאיק אַזוי און געוואַלטיק גרויס —
אַ מילגרוים, טרערן־זוימענדלעך פול,
אויפגעגאַנגען פון איין זאָמען בלויז.

## „אין ענגלאַנד ווערט שוין פּראָדוצירט די אטאָם־באָמבע“

(פון אַ צייטונג־ידיעה)

אין דריי־עקן, אין ווינקלען, אין קובן,
קוואַדראַט־שניטן און האַלבקרייז־און קווער,
עס איז די זון דרויסן פאַר מיין פענסטער,
ס׳צירקל אין מיר, וואָס קרייזט אַן אויפהער.

ליגט אַזאַ געצייכנטע וועלט־מאַפּע
איבער מיין שטיבל ברייט אויסגעשפּרייט?
אָדער איז עס מיין קאָפּ, מיין שווינדלדיקער,
אַ גלאָבוס גאָר וואָס דרייט זיך און דרייט?

כ׳שפּיר יעדן ברייטגראַד, יעדן פּאַראַלעל
טיף געשניטן אין מיין שטערן־פאַלט — —
נישט קיין צירקל און נישט קיין ווירע —
אַ מעסער גאָר אין האַנט ווער האַלט!

די גלייכע ליניע, די שטייף צעשטרעקטע,
וואָס ברעכט זיך דאָרט איבער ביי דער שוועל,
ס׳איז דער צעבראָכענער, דער בלוטיקער,
דער אַכט און דרייסיקסטער פּאַראַלעל — — —

אָ דער ברייט געצויגענער ראַדיוס שטריך,
פונם ציל פונקט — פונם גריניטש־נול! —
ס׳רעדעלע פאַר צילענדיקן אַטאָם,
מיין שטיבל איצט מיט זון אַזוי פול.

## דער אנדערהאלבן מיליארד „ענטשעדיקונג״...

(צוויי נאָך נישט געצייטיקטע צייט־לידער...)

איז דאָך גוט אַז אַ פאָלק האָט אַן אייגענע מלוכה,
שטייען נאָך זיינע מענטשן אין הויכן ווערט!
אַנדערהאַלבן מיליאַרד פאַר זעקס מיליאָן גלות יידן,
ווער האָט שוין אַזוינס אין לעבן דען געהערט?

און שטעלט איך ערשט פאָר, ווען דאָס וואָלטן סאַבּרעס ערשט געווען,
אָדער גאָר בירגער אָנגעזען און געערט,
נישט יאַכנעס פון וואַרשע, פון ווילנע, פון קאָוונע, פון קראָקע,
גאַליציאַנער מיט גלות פאות און בערד?

עס הויבט זיך אַזש דער שיידל־שאַרבן הויך איבערן קאָפּ,
ווי איבער לעבעדיק באַגראָבענע די ערד:
אַנדערהאַלבן מיליאַרד פאַר זעקס מיליאָן גלות יידן,
האָט אַזוינס ווער אויף דער וועלט אַמאָל געהערט?

איז דאָך גוט אַז אַ פאָלק האָט אַן אייגענע מלוכה
שטייען נאָך זיינע מענטשן אין הויכן ווערט — —
אָ, וואָסער מלוכה מיר קענען נאָך אַמאָל האָבן,
ווען נאָך אַזאַ אפּותיקא ס׳וועט זיין אונז באַשערט.



## ווו אן אויב איז דא א ווארום . . .

אויב מיר געדענקן נאָך דאָס־אָ וואָס ס׳איז געווען,
אויס מורא בלויז טאָמער וועט עס ווידער געשען,
טאָ וואָסער טענה קענען מיר צו די פעלקער האָבן?
וואָרום וואָס קאָן דען זיי מערער שוין דען געשען,
ווי מיט פרומע אויגן מוזן נעבעך צוזען,
וויביים לעבעדיקן לייב ווידער מ׳וועט אונז באַגראָבן.

אויב נישט אין אונז ברענענדיקער נקמה־האַס,
נאָר נאָך די שרעק בלויז טאָמער און חלילה־וחס — — —
איז שוין אַ סך בעסער אינגאַנצן דערין צו פאַרגעסן.
וואָרום צו טרייבן אונז אין קאַמערן פול גאַז,
עס קאָן דאָך נאָך באַלד ליגן, — חלילה־וחס! —
אין אונזערע אייגענע מלוכהשע אינטערעסן.

אויב ביים „שלום״־טיש ס׳„גוטע דייטשל״ אונז אָנטרעפט,
ס׳וועט דאָך באַלד אַ שמועס טון פון קומענדיק געשעפט:
„אָ, ליבער גאָט, מיט אַ פאָלק וואָס ס׳קאָן נישט אַלץ פּאַסירן....״
וואָרום, אַז מען ווייסט שוין גענוי וויפיל ס׳באַטרעפט,
קאָן עס נאָך אַמאָל ווערן, אי אַ גוט געשעפט,
אי דעם גאַנצן גלות מיט איין קנאַל צו ליקווידירן —
— — — — — — — — — — — — — —

אויב מ׳ווייזט אַ הונט אַ פינגער ר׳וויל די גאַנצע האַנט!
אונזער מלוכה וועט ווערן צו שפּאָט און צו שאַנד,
אויב צו דייטשלאַנד אַ שלום׳דיקע מ׳וועט זי אויסשטרעקן —
וואָרום פאַרוואָס איז דוד געזאַלבט פון גאָטס האַנט,
און שאול׳ן, דעם באַצווינגער פון אונזער לאַנד,
האָט אַזוי פיל שפּאָט און שאַנד זיין קאָפּ געטון באַדעקן?

---

## ייוו״א טעטיקייט אין לאנדאן

אַ גרויסע פאַרזאַמלונג וועט פאָרקומען זונטיק, דעם 15־טן אַפּריל, 1951, אין „בן־אורי״, 14 פאָרטמאַן סטריט, וו.1., אום 3.0 בייטאָג פונקט. סדר היום: 1) ערעפנונגס רעדע פון א. מ. קייזער, פאָרזיצער פון היגער ייוו״אָ; 2) דר. אהרן שטיינבערג וועט באַריכטן וועגן די אַרבעטן פאַר אונזער קאָנקורס און געבן דעם באַשלוס פון די זשורי וועגן די פרעמיעס; 3) דר. יעקב מייטליס וועט רעפערירן וועגן 25 יאָר ייוו״אָ אַרבעט; 4) ערן־סעקרעטאַר א. ר. ראָלין וועט רעדן וועגן וויטערע טעטיקייט פון ייוו״אָ אין לאָנדאָן; 5) פריינט פאָדאָל־סקי, דער ערן־קאַסירער, וועט צוטיילן די פרעמיעס. מיטגלידער און פריינט זיינען געבעטן צו קומען צו דער פאַרזאַמלונג. קומט אין צייט.

## א. מ. קייזער

# דריי צייכנס

### געשטאַלטן פון דער פען־מלאכה

### 1. דער פרעגצייכן

איר קענט אים אַלע. טאָג טעגלעך באַגעגנט איר אים. וואו איר גיט זיך אַ קער, איז ער דאָ; אַ קליינינקער, אַן איינגעבויגענער, מיט אַ קיילעכיקן רוקן.

אַמאָל האָט ער געשפּילט אַן אנזעעוודיקע ראָלע אין אונזער לעבן. ער איז ווי אַן האַלבע לבנה, און הינקן הינקט ער אויף אַ פּיסל אַ קליינס, אַ דינינקעס. געווען דער תובע־צדק, דער מאַנער פון גערעכטיקייט, דער מוכיח.

אין אַלע דורות, אין אַלע תקופות האָט ער זיך באַוויזן אין זיין פולער קראַפט. שוין אין די ערשטע טעג פון דער וועלט־יצירה, ווען דער ערשטער מענטש האָט פאַרזוכט די ערשטע פאַרבאָטענע פרוכט פונעם ערשטן בוים, האָט ער געפרעגט און געמאַנט:

— איכה? מענטש, וואו ביסטו? וואָס האָסטו געטון?

און פון יענעם טאָג־אָן ציט זיך אַ שנור פון געקייטלטע פרעגצייכנס איבערן שליאַך פון אונזער געשיכטע.

מיר באַגעגנען אים שפּעטער אין מצרים, ווען ער פרעגט מיט רוגזה:

— רשע, פאַרוואָס שלאָגסטו דיין חבר?

טאָג־איין טאָג־אויס עקבערט ער אין מוח פונעם פרעהטום:

— עד מתי מאנת? ווי לאַנג וועט איר דאָס פאָלק אַזוי פאַרשקלאַפן?

און אין די צייטן פון די נביאים, ווען דאָס פאָלק גייט אַראָפּ פון גלייכן וועג; מזינדיקט און מברענגט דערנאָך צו גאָט קרבנות, טוט אים זיין האַרץ וויי און ער פרעגט:

— מי בקש זאת מידכם? ווער בעט אייך באַטרעטן גאָטס שוועל? צי דאַרף גאָט אייערע קרבנות?

זיין דרייסטקייט דערגרייכט אפילו צום כסא־הכבוד.

— וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויפן פאָלק ישראל?

אַזוי האָט ער געפרעגט דורכן מויל פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער.

נאָכן קישינאָווער פּאָגראָם האָט ער געפרעגט דורך ביאַליקן:

— היש צדק? איז פאַראַן גערעכטיקייט אויף דער וועלט?

ער איז געווען די פאַרקערפּערונג פונעם ריינעם געוויסן, פונעם יושר, וואָס לײדט נישט קיין עוולות, וואָס מאָנט דעם אמת, דעם הונדערט־פּראָצענטיקן חוט־השדרהדיקן אמת.

פאַר זיין שטים האָט די וועלט געציטערט.

און —

ער האָט זיך פּלוצלים פון זיין טראָן אַראָפּגעגליטשט. געוואָרן אַ יורד. דער גלאַנץ זיינער איז פאַרטושט געוואָרן. זיין חשיבות איז צונישט, פאַרשוואונדן.



געווען אַמאָל אַ פרעגצייכן.

היינט — נישטאָ פון אים קיין צייכן.

אַ נייער דור איז אויפגעשטאַנען, אשר לא ידע את יוסף, וואָס געדענקט אים נישט, און וויל בכלל פון אים נישט וויסן.

און אויב עפּעס אַ פרעגצייכן שווימט אַמאָל אַרויף אויף דער פלאַך פון אונזער לעבן, איז זיין ראָלע אַ צווייפלהאַפטיקע. זיין פראַגע איז אַזוי לעבלעך, אַזוי מילך־וואַסערדיק, אַז מען ווייסט נישט צי ער פרעגט טאַקע עפּעס, צי ער איז מסכים מיטן געשעענעם אומרעכט.

אַזוי זעט ער היינט אויס, דער איצטיקער מוכיח.

פאַרבלאַז, נישטיק, אָרעם.

און אויב איינמאָל אין אַ שמיטה שפּרינגט אימיצער אַרויס, ווי פון אַ צווייטער וועלט, מיט אַ שטים אַ געזונטע, אַן האַרציקע, וואָס דערמאָנט אן יענעם אַמאָליקן אמתדיקן פרעגצייכן, און מיט בלוט פון האַרצן טוט ער אַ פרעג:

— סטייטש, וועלט, היתכן?

קוקט זי, די וועלט, אויף אים ווי אויף אַ צעדרייטן, אַ משוגענעם, אַן עובר־בטל, און איינער דעם אַנדערן באַווייזט מיט אַ פינגער אויפן שטערן:

— ספּעלט אים אַ קלעפּקע רחמנא ליצלן!

שטעל איך אַוועק אַ מצבה אויף זיין קבר, און פרעג, פונקט ווי ער אַליין האָט אַמאָל געפרעגט:

— איכה? וואו ביסטו?

### 2. דער אויסרופצייכן

אַ לאַנגער, אַ שמאָלער, אַ שטייפער, מיט אַ שאַרף־שפּיציקן טריט. קאָן זיך נישט בויגן. תמיד שטרענג, האַרט.

— אַזוי וויל איך! אַזוי באַפעל איך!

אויך ער, האָט אַמאָל אַ גרויסע ראָלע געשפּילט אין אונזער קאָסמאָס. לרוב, איז ער געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט אונזער אַלטן בעל־יושרדיקן פרעגצייכן. בעת יענער האָט געפרעגט:

— וואו איז אַזוינס געהערט געוואָרן?

האָט ער מיט זיין שאַרפן פוס אַ טופּ געטון:

— אַ סוף און אַן עק זאָל עס נעמען!

איינמאָל, צווײמאָל און דריימאָל:

— !!!

און די זינדיקע וועלט האָט אָפּגעציטערט.

אָבער אויך ער, איז פון זיין גדולה אַראָפּ. זיין געשריי איז שוין קיין געשריי נישט. זיין טופּ איז שוין קיין טופּ נישט. עס איז עפּעס געזאָגט געזאָגט און נישט דערזאָגט. אַ מין דיפּלאָמאַט. זיין „יאָ" איז „ניין" און זיין „ניין" איז „יאָ", און אפשר ביידע נישט. דערפאַר איז זיין וואָרט תמיד פאַרנעפּלט, מטושטש, אומפאַרשטענדלעך.

און אויך ער, גייט אַרום געאַרעמט מיטן היינטיקן כאַראַקטערלאָזן פרעג־

ציַיכן ווי מטות־ומסעי, ממש שני־אחים. אָבער די־אָ ברידערשאַפט איז בלויז צו פאַרשלייערן זיין „איך", צו פאַרטושן זיין פיזאָנאָמיע.

אַזוי, למשל, עפנט איר אַ צייטונג, און פאַר אייערע אויגן טוט אַ בליאַסק אַזאַ נייעס־קעפל:

„יונא זאָל אָפּשאַפן די אַטאָם־באָמבע?!"

דאַכט זיך, אַ פריילעך שטיקל נייעס, אַ בשורה־טובה. נאָר, אַז איר דער־זעט ווי צופיסנס פונעם „קעפל" שטיין די צוויי פאַרדעכטיקע פאַרשוינען — דער פרעגצייכן מיטן אויסרופצייכן (?!) ווערט איר מבולבל. צעחושט, און איר ווייסט נישט וואו איר זענט אין דער וועלט. ווי אַזוי זאָלט איר עס אויס־טייטשן? יאָ אָדער ניין? וואו שטעלט מען דעם טראָפּ?

און אַזוי אין פאַרשיידענע פאַלן.

באַווייזט ער זיך אַמאָל יאָ אין זיין גאַנצער, שטייפער, קלאָרער באַפּעל־פאָרם, און רופט אויס:

—אַזוי וויל איך! אַזוי הייס איך!

דאַן האָט איר פאַר זיך די דיקטאַטור, די שוואַרצע אָדער די רויטע — איין שוואַרץ יאָר.

דאָס איז היינט זיין נייע ראָלע.
האָב איך פאַר אים טאַקע מורא.

### 3. דער אפּשטעלצייכן

דאכט זיך, סאיז גאָרנישט.
קיין קראפט, קיין ווערט, קיין השפּעה.
נישט קיין פּנים און נישט קיין כאַראַקטער־שטריך.
אינגאַנצן — אַ פּינטעלע.
אַ פּונקט.

פונדעסטוועגן — אַ מוראדיקער כח. אפילו דער פרעגצייכן און דער אויס־רופצייכן קאָנען זיך אָן אים נישט באַגיין. אויף אים שטיצן זיי זיך. אין זיין נאָמען רעדן זיי. נעמט אַוועק דאָס פּינטעלע פון אונטער זייער פיס, פאַלן זיי . . .

נאָר דאָס פּינטעלע מאַכט פון זיך נישט קיין שום צימעס. סהאָט צו קיינעם נישט קיין שום טענות ותביעות. סבעט גאָרנישט.
סאיז דער „באנטשע שוויג" פונעם שרייב־וואַרשטאַט.
האָב איך דערפאַר דאָס פּינטעלע ליב, שטאַרק ליב.
און מחמת ליבשאַפט, שטעל איך דאָ אַוועק — —
אַ פּינטעלע.



## בן-א. סאכאטשעווסקי

# קאשמארן

(שלוס)

סאטיריקער (גיט זיך אַ משונה'דיגען דריי אויף די פיס): אויף דעם נאָמען האָט ער אַליין געהאט די גאַנצע דעה. איך האָב מיט אים דיסקוטירט וועגן דעם. איך האָב אים אפילו געוואָלט רופען צו אַ דין תורה. זיין ענטפער איז געווען אַז ער גלויבט ניט אין רבנים און אין דיינים ווייל ער גלויבט אין גאָט. איך האָב אויך געוויינט פאר אים און זיך געבעטען: גזלן, האָב רחמנות, מען וועט דאך פון מיר לאַכען, איך וועל מיך דארפען באַגראָבען פאר חרפה. ער האָט זיך אָבער פאר'עקשן'ט, ניין און ניין, מיין נאָמען איז ווי געווינשען. למך, האָט ער גע'טענה'ט, וועט גיך פּאָפולער ווערען, דער עולם האָט ליב נאַרישע מענשען, נאַרישע נעמען, נאַרישע חכמות, פּאַיאצען וואָס דרייען זיך אויפ'ן קאָפּ, און ער האָט נאָך געזאגט מיט חוצפה, אַז דער נאָמען למך איז ווי אנגעמאסטען אויף מיר.

דיכטער (לאַכט): יאָ, איך דערמאן מיך, אַז איך האָב דיך אַמאָל געלייענט. איך שעם מיך, נאָר וואָס אמת איז אמת, איך האָב אפט הנאה געהאט פון דיינע חכמים־העלדען, פון דיין שטות און דיינע איינפאַלען. (קוקט זיך אַרום) נאָר מאַך אַ שווייג, זאָל נאָר די עפענטליכקייט ניט וויסען, אַז אַ דיכטער איז אויך אַמאָל באַרעכטיגט אַ לאַך צו טון, אהן שטות און גלעכטער וואָלט קיין פּראָ־גרעס ניט געווען אויף דער וועלט, אָהן גלעכטער וואָלט אַלץ געווען טויט־ערנסט, און גארנישטען וואָלטען ניט געוואָרען קיין פירער, ניט אין זינען גע־האט צו מאַכען מלחמות, און יחידים וואָלטען ניט געקאָנט זאָגען אַז זיי ריידען אין נאָמען פון דער גאַנצער עפענטליכקייט.

מענש (צולאַכט זיך אויפ'ן קול און האלט זיך ביי די זייטן): איצט זעהט איר שוין די ווירקונג פון למך'ן? אַפילו דער דיכטער רעדט שוין זיין לשון!

געוויסען: ער האָט אַ משונה'דיגען סטיל, אַ מין צוזאַמעניש פון ביליגע פּראָזע מיט פּאָעזיע, פּראָסטע מיט הויכע געדאַנקען.

ווירדע: אַ שטאָלצער מענש מוז קאָנען לאַכען, מוז קאָנען זיין ווי למך, אַ געזונד אין זיינע ביינער אַריין!

סאטיריקער: דאָס איז דאך אויך מיין טענה. איך פרעג אים בלויז פאַרוואָס ער רופט מיך נאָר דאן ווען ער איז טרויעריג, ווען אים איז קאלעמוטנע אויפ'ן האַרצען, ווען ער פילט זיך דערשלאָגען, און ניט דאַמאָלט ווען עס איז אים פריילעך אויף דער נשמה.

געוויסען: וואָס זאָגסט דו, מענש?

מענש (פארטראכט): יעדער פון אייך האָט אַ חלק אין מיר, נאָר ווער בין איך אַליין?

געוויסען: אַ כלי מיט צושפּליטערטע כוחות, יעדער פון זיי איז אַ שטיקעל גאַנצקייט, נאָר ניט קיין גאַנצע גאַנצקייט.

סאטיריקער (ערנסט): איך האָב אים געשטארקט אין זיינע צענדליקער

יאָרן פון שקלאַפעריי און אונאויפהערליכע דערנידערונג, ווייל איך האָב אים אויסגעלערנט ווי אַזוי מען דאַרף לאַכען.

ווירדע (ברוגז׳ליך): ער האָט פאר מיר ניט געהאט דעם קלענסטען דרך ארץ, זיך קיינמאָל ניט אָנגענומען מיין קריוודע, ווי איך וואָלט פאר אים גאָר ניט עקזיסטירט.

סאטיריקער: וואָס און פאַרוואָס האָט זיך די חבר׳ישע שטימונג פלוצלינג אַזוי געביטען?

דיכטער: איך קאָן אים יאָ מוחל זיין, און אים ווידער באפליגלען מיט יוגנטלעכקייט אין זיין זקנה.

געוויסען: ווי אַזוי?

דיכטער: איך וועל פאר אים ווידער עפענען די טויערן צו מיין וועלט, צו די הימלען, אויף דאָס ניי מאַכען זיינע אויגען זעענדיגע, און איך וועל אברוקען די פארהאנג, וואָס האָט פאר אים פאַרשטעלט דאָס ליכט פון טאָג און די סודות פון די בלויע שטילע נעכט.

זשורנאַליסט (וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אבגערוקט דערנענטערט זיך): דאָס זיינען סתם רייד, שיין־רייד, דיכטונג, וואָס האָבען קיין שום ממשות ניט. צענדליקער יאָרען האָט ער געזויגען זיין חיונה פון מיין ברוסט. איך אַליין בין דער בעל הבית איבער אים. איך וועל ניט דערלאָזען, אַז ער זאָל זיך פון מיר באַפרייען, אַז איר זאָלט אים אַרויסרייסען פון מיינע הענד. איך וועל אים שוין באַגלייטען ביז צו דעם סוף פון זיינע טעג.

געוויסען: כעס דיך ניט אַזוי. איך בין שטאַרקער פון דיר. איך וועל פון זיינע אקסלען אַראָבטרייסלען דאָס שטויב, וואָס דו האָסט אויף אים אַרויפגעשאטען אין משך פון די אַלע יאָרען. איך וועל אים מאַכען גאַנץ און פריי.

זשורנאַליסט: רעד ניט צו מיר אַזאַ לשון, ווייל מיר קומט ניט קיין צארן נאָר דאַנק. איך האָב אים אומעטום באַקאַנט געמאַכט. איך האָב אים געפירט צו פארזאַמלונגען, קאָנפערענצען, קאָנגרעסען, קאָנצערטען, אין טעאַטער, צו באַנקעטען, אין געריכטס־הייזער און אפילו צו אינקוועסטען. דאָרט האָב איך אים טאַקע געמאַכט שווער אַרבייטען, אָבער דערפאַר איז זיין פנים אומעטום באַקאַנט געוואָרען.

ווירדע: נאַרישקייטען!

זשורנאַליסט: וואָס פאַר אַ חטא בין איך דען באגאנגען, ווען איך האָב אים געהייסען פאָפולאַריזירען אונבאַקאַנטע נעמען, גרויס און באַרימט מאַכען אַנדערע, זיין אַ משרת און אַלעמען באַדינען, אבי איך האָב אים דערפאַר באַזאָרגט מיט אַ שטיקעל ברויט און מיט אַ דאך איבערן קאָפּ. פון אייך אַלע וואָלט ער דאך געהונגערט און אויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט ווייב און קינדער.

אַלע: מיט ברויט און אַ דאך איבערן קאָפּ, מיט ברויט און דאך, ברויט און דאך.

סאטיריקער: און אַליין האָט ער זיך מבטל געמאַכט, געגעבען אין מויל פון אונבאַקאַנטע זיינע אייגענע געדאַנקען, און ער האָט צוגעשריבען אויף זייער



חשבון שיינע רייד, הויכע רעיונות, וואָס זיינען פון זיי, פון די אונבאַקאַנטע און אַנדערע, קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרען.

ווירדע (מיט חוזק): און דערפאַר האָבען זיי אַמאָל פון אים געקויפט אַ בוך פון זיינע לידער און פּאָעמעס, ווען ער האָט זיי דאָס בוך אין הכנעה צוגעטראָגען און ווי אַ שנאָרער זיך געבעטען, אַז זיי זאָלען רחמנות האָבען און עס פון אים אבקויפען ווייל ער דאַרפט באַצאָלען דעם דרוקער פאר אבדרוקען פאר אים דאָס ווערק.

דיכטער: שאַ, שאַ, קריגט זיך ניט, ווייל מיין טענה צו אים איז אַ פיל גרעסערע. איך האָב זיך מיט אים פאַר׳חבר׳ט כמעט אין זיין קינדהייט, און ער האָט מיך פאַרגעסען; פאַרשוועכט.

אַלע: מען דאַרפט אים שטעלען פאר אַ משפט, משפט, משפט, משפט!

דיכטער (רעדט אין פריערדיגען טאָן): זעט וואָס ער האָט פון מיר געמאַכט. וויי איז מיר וואָס פאַר אַ פנים איך האָב! ער האָט מיך געוואָלט באַלוינען, מיך פארגיטיגען מיט זיין נאַרישען למדן, וואָס איך באַטראַכט אפשר פאר אַ האַלבען חוב, און מעגליך נאָך פאר פיל ווייניגער.

סאטיריקער (אין כעס צו דעם דיכטער): דו רייד נאָר מיט אַביסעל מער רעספּעקט וועגען מיר! איך בין מער ווי אַ האַלבער חוב, מער ווי צוויי דריטעל, אפשר נאָך מער ווי דער גאַנצער חוב, ווייל איך בין אָריגינאַל, כמעט דער איינציגער חכם און דער איינציגער משוגענער אויף דער פּאָעזיע־ביכער־פּאַליצע, אַ חכם אין שטות, וואָס לעבט און וועט לעבען עד סוף כל הדורות.

מענש (לויפט אַרום מיט דעם קאָפּ אין די הענד): הערט אויף, הערט אויף, איר קאָנט דאָך די שכנים אויפוועקען, מען קאָן דאָך באמת פון אייך משוגע ווערען. כסדר די זעלביגע טענות. גוט, איך בין שולדיג. טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, דער׳הרג׳ט מיך, שטעלט מיך פאר אַ משפט. ברויט, דאך, ברויט, דאך, פאר אַ משפט, אַ משפט, אַ משפט, אבי מאַטערט מיך ניט.

געוויסען: היץ דיך ניט, אַ מענש דאַרף זיך קאָנען קאָנטראָלירען.

ווירדע: דאָס איז טאַקע דאָס אונגליק. ער האָט זיך שטענדיג קאָנטראָלירט, שוין צופיל קאָנטראָלירט, און דערפאַר איז מען אויף מיר כסדר געטראַטען, מיך געהאַלטען אין בלאָטע, אין געזונקענקייט.

דיכטער: און פון מיר האָט ער זיך אויסגעלאַכט, מיין פנים פאַרשוואַרצט און פאַרפינסטערט, אַנטלאָפען פון מיר ווי פון אַ מגפה.

זשורנאַליסט: ער וואָלט געווען אַ חכם ווען ער וואָלט דאָס טאַקע געטון, נאָר דער אונגליק איז געווען וואָס ער האָט דיך תמיד מיטגעשלעפּט מיט זיך און זיך ניט געוואָלט שיידען פון דיר.

סאטיריקער: איר זענט אַלע, זייט מיר מוחל פאר דעם אמת, איינפאכע שקרנים, ווייל איך אַליין האָב אויפגעהאַלטען דאָס לעבען אין זיינע נאַזלעכער און דעם אמת אין זיין מויל. איך בין פאר אים געווען אַ אָנשפּאַר, ווען איר אַלע האָבען אים פאַרלאָזען. איך האָב שטאַרק געמאַכט זיינע ציטערדיגע און וואַקלענדיגע פיס כדי ער זאָל ניט צוזאַמען־ברעכען.

דיכטער: איר הערט ווי דאָס רעדט צו אונז? שקרנים, רופט ער אונז! אַזאַ חוצפּה! אַזאַ געמיינהייט! מען דאַרף אים עוקר מין השורש זיין!

ווירדע: עס איז אסור ניטאָ מיט וועמען זיך אויסצו׳טענה׳ן! אַזאַ לאָבוס, אַזאַ גאַרניט! אַזאַ גראָבער יונג!

זשורנאַליסט: דעם נאַרישען קאָפּ דאַרף מען אים אָבהאַקען!

געוויסען: באמת אַ בושה צו מאַכען אַזאַ טומעל ווי מיר וואָלטען געווען פּראָסטע גאַסען יונגען!

סאַטיריקער (שטעלט זיך שטייף און וואויל יונגעריש): אַנו, פּרובירט נאָר אויפצוהויבען אַ האַנד געגען מיר!

(עס ווערט אַ מאָדנער געשטויס, הענד פּאַכען און פויסטען זיך אין דער לופט. מענש לויפט צוריק און וואַרפט זיך אויפ׳ן בעט מיט קרעכצען).

מענש: געוואלט וועל איך שרייען, דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר. אוי ווי דער קאָפּ! וואָס ווילען זיי פון מיר? (רעדט שטילער) וואָס ווילען זיי פון מיר? וואָס ווילען, וואָס ווילען . . .

דיכטער: לאָמיר אים ווייזען דעם בעל חוצפּה!

ווירדע: וואָס וואקעלט איר זיך נאָך אַלץ מיט דער דעה!

(אין דעם מאדנעם געראַנגעל מיט דעם סאַטיריקער ווערען אַלע נעלם חוץ געוויסען. עס גרויט שוין אויף טאָג. געוויסען לאָזט זיך אַראָב נעבען דעם בעט פון שווער שלאָפענדיגען און רעדט שטיל).

געוויסען: וואָס פון דיר איז געוואָרען, מענש. האָסט געדינט די עבודה זרה. פאר אַ שטיקעל ברויט האָסט דו דיין נשמה פאַרקויפט. איך האָב דיך געוואָרענט. (גייט לאַנגזאַם אב) געוויינט פאר דיר פאר דיין אייגענער טובה וועגען, נאָר דו האָסט דיך טויב געמאַכט, טויב, טויב . . .

ווייטע מאַנאָטאָנע שטימען: ברויט, דאַך, ברויט, דאַך, ברויט, דאַך, דאַך, דאַך, ברויט, דאַך, ברויט, דאַך, ברויט — — — — — —

מענש (וואַרפט זיך): אוי, אוי, וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס פּייניגט איר מיך ווידער, ווידער, ווידער?

(ער זעצט זיך האַסטיק אויף און קוקט זיך אַרום מיט אַ צומישטן בליק).

---

## א הארציגע באגריסונג צו פריינט ס. ליוועד

מיט גרויס פאַרגעניגן באַגריס איך פריינט ס. ליוועד, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג, און אויך פון בראַנטש 1, מיט זיין באַשטימונג אַלס מעיאָר פון העקני. פריינט ליוועד איז אימער זייער טעטיק אויפן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן געביט. אין די יאָרן וואָס ער איז געווען קאונסילאָר אין די באָראו, איז ליוועד שטענדיק אַרויסגעטראָטן צו פאַרטיידיקן יידישע אינטערעסן און איז אָפט געליבט געוואָרן דערפאַר אין דער פרעסע. איך דענק אַז עס איז אַ כבוד פאַר די יידן פון דעם געגנט. ליוועד איז אַ וואַרימער ייד און די יידישע פראַגע איז אים שטענדיק צום האַרצן.

קייטי בראָון



לעא קעניג

# ב י י ג ל

(המשך פון ראָמאַן „שבעה")

דאָס ערשטע אין דער פרי, באַלד נאָך נעגל־וואסער, פלעגט זיך רחל אַרויסלאָזן איינקויפן בייגל פאר די אבלים. אירע זין און איר יונגסטע טאָכטער פלעגט זי נאָך לאָזן אין די בעטן; אויף גיך זיך אָפּגעשווענקט דאָס פנים און די הענט מיט קאַלט וואַסער, און אַוועק צו דער אַרבעט.

דאָס הייסט, ס׳רעדט זיך אַזוי, צו דער אַרבעט; ס׳רוב פלעגט זי האָבן דאָס געפיל ווי זי וואָלט גאָר געגעכטיקט ערגעץ אַנדערש־וואו און גאַנץ פרי געגאַנגען אַהיים, צו ר׳שלמהן און זיין הויזגעזינט. איז נישט ר׳שלמהס הויזגעזינט איר הויזגעזינט? גאָרנישט, ס׳האָט זיך אַזוי פונקט געמאַכט און זי מוז שלאָפן אַלע נאַכט אין אַ שכנהש געסל אין קאָמערשל ראוד . . . און געהערן נישט דאָס הויז און די דירה, וואָס זי און אירע אייגענע דריי קינדער פאַרנעמען צו ר׳שלמהן? דאָס איז זיין הויז; ער האָט דאָרט אונטן נאָך אַ ביזנעס . . . קיין דירה־געלט צאָלט זי נישט, פאַרשטייט זיך. און זי פאַרגעסט גאָר אָפט, אַז זי נעכטיקט נישט אין ר׳שלמהס הויז. ס׳איז אַזוי נאָענט. און וויפל זי פאַרברענגט עס, משטיינס געזאגט, אין איר דירה מיט אירע קינדער?

אַ מאָדנע זאַך מיט רייטשלס נעגל־וואסער: עפּעס טרוקנט זיך עס אַזוי גיך נישט אָפּ; אפשר אַ שעה נאָך איר וואַשן זיך און טראָפּנס פרימאָרגן־טוי בלישטשען נאָך אין די טיפע קנייטשן פון איר אַלט, ציגל־קאָליר פנים און אויף די קרענקלעכע, שטענדיק־פאַרטרערטע אויגן.

ס׳זאָל זיין, אַז ס׳איז דערפאַר, ווייל זי ווישט זיך נישט גוט אָפּ דאָס פנים, איילנדיק זיך צו „די קינדער"?

און וויל מען קריגן פרישע, הייסע נאָך בייגל, מוז מען אויפשטיין טאַקע גאָר פרי, טאַקע קאַיאר. אַנישט וועט מען די אַלטיטשקע פעסע, די בייגל־פאַרקויפערין, וועלכע זיצט מיט איר קויש בייגל אויפן ראַג פון ניו ראוד און קאָמערשל ראוד, נישט געפינען שוין.

די בייגל וועלן אינם גרויסן, געבעטן קויש אויסגערונגען ווערן. ניין, נישט אויסגערונגען ווערן, נאָר אויסלעשן זיך ווי די שטערן אין מאָרגענדיקן הימל.

די הייסע קיילעכיקע בייגל מיט די צוגעברוינטע בעקלעך וועלן זיך אויסלעשן און פאַרשוואונדן ווערן פון זייער הימל — פונם גרויסן קויש, וועלכער איז אויך אַרומגעוויקלט, גלייך ווי אויך דער גרויסער קויש, וואָלט זיך געקענט פאַרקילן אין די קילע, פייכטע לאָנדאָנער פרימאָרגנס.

און זעט נישט אויס די קליינטשיקע, אור־אַלטיטשקע פעסע — נאָר רייטשל ווייסט, אַז זי הייסט פעסע — וועלכע איז אַרומגעוויקלט מיט צענדליקער געשטריקטע און וואָלענע, היימישע שאַלן — ווי די נאַכט אַליין?

ווי די נאַכט אַליין זעט אויס אָט די פּיטשינקע בייגל־פאַרקויפערין, וועלכע זיצט אַזוי שוין יאָרלאַנג אַלע פרימאָרגן אויפן ראָג פון קאָמערשל ראָוד און ניו ראָוד.

אָכט אַזייגער אין דער פרי; וואָרום, זיבן אַזייגער אין דער פרי וועט איר זי שוין דאָרט נישט טרעפן. די שטערן אין איר הימל האָבן זיך שוין אויסגעלאָשן, און די נאַכט איז שוין נישטאָ. נאָר די ערשטע מילך־לייט מיט זייערע גרויסע מעשענע קאַנען, וועלכע כאַפּן אויף די ערשטע מאָרגן־שטראַלן; נאָר די ערשטע טראַמווייען פאַר אַרבעטער, וועמענס קלינגען שמעקט אויך מיט מאָרגן־טוי, באַמערקן די אַלטיטשקע בייגל־פאַרקויפערין . . .

יאָ, שיער פאַרגעסן. אויך דער לאַנגער, דאַרער, הינקענדיקער לאַקש, עליק מיטן גרויסן פּאַק יידישע צייטונגען אונטער דעם געזונטן אָרעם, זאָגט איר אַלע פאַרטאָג אַ גוט מאָרגן.

— גיי־גיי־גיט מאָרגן! — ער היקעט נאָך אונטער, דער יידישער צייטונגס־פאַרקויפער. דאָס צווייטע, קראַנקע הענטל זיינס, וואָס ער טראָגט שטענדיק פאַריוס (מיט דעם הענטל נעמט ער אויך די פּענס פאַר די „פּייפּערס״) גיט זיך אַ שאָקל, גלייך ווי עס וואָלט אויך באַגריסט די בייגל־פאַרקויפערין. אָבער זי ענטפערט נישט. זי ענטפערט קיינעם נישט. און קען זי דען הערן ווען זי איז אַזוי איינגעוויקלט און פאַרוויקלט אין שאַלן, אַז מען זעט קוים אַרויס אַ סימן פון אַ פּנים?

ס'רוב נעמט מען אַליין די הייסע בייגל און מען וואַרפט דאָס געלט אין דער ליידיקער זייט פון קויש — אין דער זייט, וווּ עס טאָגט שוין.

און אפשר הערט יאָ די אַלטע בייגל־פאַרקויפערין דעם גוט מאָרגן פון דעם הינקענדיקן, בריהשן פאַרקויפער פון די לאָנדאָנער יידישע צייטונגען, נאָר זי וויל אים פּשוט נישט ענטפערן?

וואָרום וואָס געהער זי זיך אָן מיט אים: ער מיט זיינע יידישע פּייפּערס ברענגט ס'רוב טרויעריקע נייעס פון די אַלטע יידישע היימען אין פּוילן, ליטע, רומעניען און גאַליציען; ער, דער הינקענדיקער לאַקש, זאָגט אָן דער ערשטער די טרויעריקע נייעס וועגן פּאָגראָמען די יידישע איינוואוינער פון דער איסט־ענד, וועלכע מאַכן, גאָט צו דאַנקען, אַ לעבן אין דער פרייער מדינה — ענגלאַנד.

און זי, זי מיט אירע בייגל ברענגט נאָר וואַרימע גרוסן פון די אַלטע היימען, פון די היימישע שטעטלעך, מיט זייערע מאַרקן, בית־עולמס, און בייגל־פאַרקויפערינס . . .

אָבער עליק דער פאַרקויפער פון יידישע צייטונגען איז נאָך אַ לץ אויך. באַזונדערס ווינטער־צייט, ווען זי זיצט מיט אַ פייער־טאָפּ און ער לויפט אַלע־מאָל צו איר פייער־טאָפּ און צו איר קויש הייסע בייגל זיך אָנוואַרימען דאָס קראַנקע הענטל, האָט ער זיך ליב צו רייצן מיט איר:

— פּאַ־פּאַ־וואַ־וואַ־ליע, צינדט זיך נאָר נישט אונטער מיט מיט די הייסע בייגל!



אָבער לאַנג זיצט זי נישט. זי פאַרשווינדט צוגלייך מיט די פייערלעך אין די גאַסן־לאַמטערנעס; און אין די נעפּלדיקע פרימאָרגנס נאָך אַ סך פריער.

---

ווי לאַבוסעוואַטע, שטיפערישע חדר־יונגלעך, געבן זיך אַ צעלאָז און אַ צעיאָג די הייסע בייגל, ווען רייטשל גיט זיי אַ שיט אויס פון איר פאַרטוך אויפן גרויסן, לאַנגען עס־טיש מאָרגן־צימער. נו, טאַקע, ווי אַזוי זאָלן עס פרישע גוט אויסגעבאַקענע, יידישע בייגל נישט וועלן זיך אַ יאָג טון, אַ קאַטשע טון זיך אויף אַ ווייסער צעראַטע, וועלכע זעט אויס פון ווייטן אַזוי גלאַט און גליטשיק, ווי אַ גליטש?

אָבער רייטשל לאָזט די שקאַצערישע בייגל לאַנג נישט ווילדעווען איבער דער צעראַטע, וועלכע איז גאָרנישט אַזוי ריין, ווי עס קען זיך אויסדאַכטן; אויף אַ צעראַטע, וועלכע איז שטענדיק פאַרשריבן און פאַרפאַטשקעט מיט ביזנעס־חשבונות, מיט „סקאָרס״ פון אַ „פינף הונדערט״ און אַ „טויזנט און איינס״, און אפילו נאָך מיט מענטשלעך — ס'רוב נאַקעטע מיידלעך — וואָס דער אַרטיסט אין דער משפחה פלעגט אָן זיין וויסן אַנצייכענען.

אַפּאָר פון די „מזיקים״־בייגל כאַפּן זיך אַרויף די נאַקעטע מיידלעך אויפן עק טיש, אַ פּאָר קאַטשען זיך אַראָפּ אויף דער ערד . . . ס'איז גאָר קיין תכלית נישט: רייטשל גיט זיך אַ נעם צום גרויסן ברויט־מעסער, וואָס זעט אויס ווי אַ זעג, כאַפּט די בייגל און צעשניידט זייערע לעכער אויף צווייען; און מיט דעם זעלבן גרויסן מעסער נעמט זי אַנשמירן די צעהאַלבטע בייגל מיט פּוטער. קיין פּוטער דאַרף מען נישט זוכן. אויפן לאַנגן מיט דער צעראַטע געדעקטן טיש שטייט שטענדיק אַ „באַטער דיש״ (אַ פּוטער־געפעסל) מיט אַ פונט פּוטער.

די טעכטער האָבן זיך אויבן אַרומגעדרייט און געמאַכט זייער טרויער־טואַלעט, און די „באָיס״ האָבן שוין געדאַוונט שחרית אינם שבעה־צימער.

דער גרויסער קעסל האָט שוין געקאָכט, און פּוטערנדיק די בייגל, האָט רחל אַ פאַרשלאָפענע נאָך, געהערט דאָס דאַוונען פון די זין, און באַזונדערס פונם „זיידן״, וועלכער איז פאַר איר נאָך געקומען.

דורך די שפּאַרע פונם צימער האָט זי אַלע ווילע געזען די פּאַסנדיקע טליתים, וועלכע האָבן זיך אויסגעמישט מיט די שוואַרצע רצועות אויף די לינקע, מענערשע אָרעמס. דער הענגלאָמפּ מיט זיינע רערן האָט נאָך געברענט, און רחלען איז פאָרגעקומען ווי זי וואָלט אַ שטייגער געחלומט: אָט שטייט זי גאָר אין אַ שול עפּעס און שמירט מיט אַ גרויס מעסער פּוטער אויף בייגל. אך, גאָטעניו . . .

און באַלד האָט זיך דערהערט דעם אַלטנס „עלינו לשבח״ און זיין אויסשפּייען טפו־טפו . . .

שאַ, דער מילך־מאַן קלאַפּט דאָס ערשטע מאָל. זאָל זי אַראָפּגיין עפענען די טיר, צי אויסהערן פריער דעם קדיש פון די זין? אמן . . . וויפל פלעשלעך מילך נעמען? וויפל מען נעמט איז ווייניק.

און אָט שטייען שוין די טעכטער נעבן טיש: רייטשל־לעבן, אַ קאַפּע טי! און די גאַנצע לענג פון דער צעראטע איז שוין פארשטעלט מיט „קאַפּס". מיט די לעפעלעך אין די שאלן זעען זיי אויס ווי זיי וואלטן געהיטן די גרויסע פּולמעסיקעס מיט די צעשניטענע און באַשמירטע בייגל מיט פּוטער, אַז זיי זאָלן נישט צוריק גאַנץ ווערן און אנטלויפן.

קודם כל קומט פון שטוב דער זיידע. דער אַלטער נעמט זיך וואַשן:

— בורא נפשות רבות . . . בייגל איז אַ מצווה פאר אבלים צו עסן. רחל ווייסט.

נאָכן אַלטן קומען אַריין די זין, מיט קאַפּלעך און הארטע היט. אַלע אין שטעקשיך, גענייצנדיק, צעבראָכענע, נישט אויסגעשלאָפענע; ווייט פון זייערע אייגענע, פיינע שלאָף־צימערן, פון זייערע ווייבער אין די זיידענע שלאָף־העמדער, פון די קינדערלעך.

אָבער די פרישע בייגל מיט פּוטער מיט אַ שטיקל לאקס אָדער אַ שטיקל פרישן שמאַלץ־הערינג, אָדער גאָר אַן איי — אויך אייער איז אַ מצווה אין טרויער צו עסן — זענען אַזוי געשמאַק . . . האָבן זיך די יונגע בעל־הביתלעך באַלד דערפילט גאָר היימיש; פארגעסן אינגאַנצן, אַז זיי זענען שלעכט געשלאָפן ביינאַכט; אַז זיי בענקען נאָך זייערע ווייבער און קינדער; האָבן זיי זיך אַליין כמעט ווי קינדיש דערפילט. עפּעס ווי זיי וואָלטן אונטער איין גרויסן מוטער רחל־פארטוך, ווי אונטער אַ חופּה, זיך פלוצלונג אויפגעכאַפּט, אונטער וועלכן ס׳איז עפּעס זיסלעך־יתומדיק זיך צו פילן.

---

## יוסף הלל לעווי

# מאַמע יידיש

(געווידמעט ב. מרגליות צו זיין 60־יאָריקן יובילײ)

מאַמע יידיש האָסט דערצויגן
מיך מיט ליבע, נויט און וויי,
ביז פארמאכן כוועל די אויגן
וועל איך דיר פארבלייבן טריי!
ווו מען האָט נישט אַלץ פארטריבן
מיך, אין וועלכן ווייטסטן לאַנד, —
תמיד נעבן מיר געבליבן
ביסטו ביי דער רעכטער האַנט . . .

טײַרע מאַמע, מיט דיין הייבל
אויפן קאָפּ און הארבאנד ציר, —
האָסטו תמיד ווי אַ טייבל
נאר געווארקעט ברכות מיר.



ווען דיין פּנים סאַיידל מאטע
האָט דערציילט מיר פון דיין לייד;
כ׳האָב מיט טרערן יעדע לאטע
אויסגעקושט דיר פון דיין קלייד . . .

האָסטו פרום די הענט די דארע
ליכט צובענטשן אויסגעשטרעקט,
האָט אַ הייליק ווייסע כמארע —
שבתדיק די נויט פארדעקט.
אויסגעגלייכט די מידע קנאכן
האָט דער חלום נאָכן גליק,
און דערפילט זיך אינדערוואכן
האָט מען פּשוט יומטוב־דיק . . .

האָסט אין אָרימקייט געגעבן
אַלעס וואָס מיר האָט געפעלט, —
ליבע פאַר אַ גאַנצן לעבן,
אין דער ליבלאָזער וועלט.
האָב איך נאָר אַ שלעכטע מינע
ווען געמאַכט, פארקרומט די ליפּ,
באַלד געוואָרן ווי די שכינה —
ביסטו מיטלייד פון און טריב.

מיך מיט ליבע צוגענומען
ווען איך בין געווען געדריקט,
און מיט רייד ווי זונענבלומען
מיר דאָס שווערע הארץ דערקוויקט.
און געלערנט האָפן, גלויבן,
אָן אַ ליכטיקערער צייט, —
ווען דער שוואַכער וועט דערהויבן
ווערן, און פון נויט באַפרייט . . .

ווען מען וועט דאָס גליק געניסן
קענען לעבן אומגעשטערט;
וועט קיין מענטש נישט מער אויף דרערד.
כ׳האָב געקוקט מיט שרעק און חידוש
ווי מען האָט דיר אָפּבאַצאָלט, —
פאר דיין גוטסקייט מאַמע יידיש,
מיט דיין ריינעם האַרץ ווי גאָלד.

ביידע פאַלטשע און פאַרדאָרבן
האָבן דיך פאַרלאָזט אין נויט,

דו ביסט מאַמע נישט געשטאָרבן,
כאָטש דער דייטש האָט דיך געטויט . . .
מאַמע יידיש, נאָך געדענקן
וועלן דורות לאַנג דיין חן,
וועסט אין טויזנט הארצער בענקן,
און צום לעבן ניי אויפשטיין !



יוסף הלל לעווי געצייכנט פון בן

לכבוד יוסף הלל לעווי, צו זיין 60־טן געבוירן־טאָג, האָט דער זשורנאַליסטן פאַראיין געמאַכט אַ באַנקעט און אויך די אַנאַרכיסטישע גרופע „פרייע אַרבעטער שטימע“.ביידע אָוונטן זיינען געווען פייערלעך און חבריש.



# אליהו פאלושאק

## דער קרומער שפיגל

עס זיינען דאָ רעדע־ווענדונגען און אידיאָמען, וועלכע מיר הערן טאָגטעגלעך. זיי דריקן אויס אַ שטיק אמת אָדער מיר גלויבן, אַז זיי זיינען אמת.

מיר הערן אָפט זאָגן: „ליטעראַטור איז אַן אָפשפיגלונג פונעם לעבן פון אַ לאַנד, פון אַ פאָלק, פון דער צייט“. אָדער נאָך קלאָרער: „די פרעסע איז דער אויסדרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג“ אָדער גאָר: „די פרעסע שפיגלט אָפ דאָס לעבן פון לאַנד, פון אַ פראָווינץ, פון אַ סביבה“. און ביים וואָרט „פרעסע“ מיינען מיר נישט אַ באַשטימטע צייטונג, זשורנאַל אָדער פעריאָדישע אויסגאַבע, נאָר די גאַנצע פרעסע אין איר פילפאַרביקייט און פאַרשידנאַרטיקייט. דערביי איז נאָך נישט געזאָגט, צי דער אויסדרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג (מיט דער הילף פון דער פרעסע) איז אַן אמת׳ער און ערלעכער. עס איז אויך נישט געזאָגט, צי די אָפשפיגלונג פונעם לעבן אין אַ געוויסער פרעסע גיט אונדז אַ געטריי און אמת׳דיק בילד פון דעם, וואָס קומט פאָר אַרום אונדז, און צי זי דריקט אויס ערלעך און געוויסנהאַפט אונדזערע מיינונגען, האָפנונגען און גלויבן. די רעפלעקסן קענען אַמאָל זיין פאַלשע (נישט בלויז זיי קענען זיין פאַלשע, זיי זיינען פאַלשע), און דעמאָלט האָבן מיר פאַר זיך נישט קיין אָפשפיגלונג פונעם לעבן אָדער פון דער עפנטלעכער מיינונג, נאָר אַ פאַרקרימט שאָטן־בילד. פון אַ פנים ווערט אַ פרצוף, הויל־אויגיג און אָן נשמה... פרעסע איז דעמאָלט נישט אָפשפיגלונג פונעם לעבן, — זי איז אַ קרומער שפיגל.

עס איז געווען אין דער צייט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דריי גרויסע אימפעריעס זיינען צוזאַמענגעבראָכן און צעפאַלן ווי קאָרטן־הייזלעך. נייע מלוכות זיינען אַנטשטאַנען, און זייט דורות אונטעריאָכטע פעלקער זיינען געוואָרן באַפרייט און האָבן זיך רעסטאַווירט אין יונגע רעפובליקן. עס איז געווען אַ צייט פון גרויסע האָפנונגען פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע. דעם 26־טן יאַנואַר 1919 זיינען אין פוילן פאָרגעקומען די ערשטע דעמאָקראַטישע אַלגעמיינע און דירעקטע וואַלן צו דער קאָנסטיטואַנטע (ד. ה. צום גרינדונגס־פאַרלאַמענט). קאָנגרעס־פוילן מיט די ליטווישע, ווייס־רוסישע און פאָדאָלישע וואָיעוואָדשאַפטן, איבער הונדערט יאָר אונטער דער צאַרישער קנוטע, האָט נישט געהאַט נישט קיין טראַדיציע און נישט קיין דערפאַרונג אין הלכות פאַרלאַמענטאַריזם. מען האָט זיך דאָך אָבער געוואָלט פירן מיט לייטן צוגלייך, „מערב־אייראָפעאיש און דעמאָקראַטיש“. איז באַשטימט געוואָרן, אַז לויט אַ פאַרלאַמענטאַרישן מנהג זאָל ביז צו די וואַלן פון אַ שטענדיקן פרעזידענט (פאַר דער צייט פון דער לעגיסלאַטור) אַן אַלטערס פרעזידענט דערעפענען דעם גרינדונגס פאַרלאַמענט. דער עלטסטער איז געווען אַ דעפוטאַט פון דער אגודת ישראל, הרב האַלפערן ז״ל, אַ באַקאַנטער אָרטאָדאָקסישער רב אָן שום נאַציאָנאַל־יידישע אַספיראַציעס אָדער אַמביציעס. האָט זיך אין דער נאַציאָנאַל־פוילישער און פויליש־שאָוויניסטישער פרעסע אָנגעהויבן אַ קאַמפאַניע נישט „חלילה“ קעגן דעם חשוב׳ן ראַבין, נאָר קעגן דעם געדאַנק, אַז אויף אַ ייד זאָל אויספאַלן דער

גורל און כבוד צו דערעפענען דעם ערשטן פּאַרלאַמענט פון דעם נייעם באַפרייטן פּוילן. אַ ביסל בושה האָט דאָס יונגע פּוילן דאַמאָלט געהאַט. וואַרשע איז געווען פול מיט אויסלאַנדס־קאָרעספּאָנדענטן. האָבן געוויסע צייטונגען אָנגעשלאָגן אַ מילדן טאָן. עס קאָן דאָך גאָרנישט זיין, אַז דער „פּאַן ראַבין" זאָל שוין זיין אַזוי אַלט, און ווען יאָ, וועט ער דאָך אַליין פאַרשטיין, אַז אים שטייט גאָרנישט צו די ראָל צו זיין, אפילו נאָר פאַר אַ טאָג, דער פאָרמעלער מאַרשאַלעק (דאָס איז געווען דער טיטול פאַר דעם סיים־פּרעזידענט) פונעם ערשטן פּוילישן סיים.

און אַזוי איז עס געווען. די פּוילישע פּרעסע האָט מיט איר קאַמאַרילע געזיגט. קעגן אַלע ריין־דעמאָקראַטישע פּרינציפּן און טראַדיציעס, האָט מען געשווינד געפונען אַן אַלטן פּוילישן כראַביע, אַ זקן איבער אַכציק, און דאָך יונגער פון הרב האַלפערן. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט מען אין דער זעלביקער פּוילישער פּרעסע געלייענט, אַז ביי אַן אָפיציעלן מלוכה׳שן קבלת פנים איז געווען אויך אַנוועזענד (פאַרגעסט נישט; אין וואַרשע אין שלאָס בעלוועדער ביים „נאַטשעלניק סטאַנו", דעם מלוכה־שעף יוזעף פּילסודסקי) דער פּאַן ראַבין האַלפערן, מיט וועמען דער פּאַן נאַטשעלניק סטאַנו האָט געהאַט אַן אינטערעסאַנטן שמועס.

דאָס איז אַ קליין שטיקל פּוילישע געשיכטע, געזען אינעם קרומען שפּיגל פון דער פּוילישער פּרעסע אַננאָ 1919 . . . — — — — — —

מיר שרייבן איצטער דאָס יאָר 1951. שוין לאַנג נישטאָ מער קיין זכר פונעם גרויסן פּוילישן, ליטווישן, וואָלינישן און פּאָדאָלישן יידנטום. נישטאָ מער דאָס גרויסע פאַרבנרייכע קאָכעדיקע יידישע וואַרשע, לאָדז, קראָקע, ווילנע, ביאַליסטאָק. נישטאָ די קליינע וואַרשעס און ווילנעס — אַלעס אַוועק מיט פייער און רויך. נישטאָ אפילו אַ רב האַלפערן, וואָס זאָל פאַרקויפן זיין בכורה פאַר אַ וויזיט ביים נאַטשעלניק סטאַנו. גאָרנישט דאָ. די רעשטלעך, די געבליבענע, וועלן קיינמאָל נישט מער שפּילן די ראָלע פונעם אַמאָליקן שאַפנסרייכן יידישן ישוב אין פּוילן. מיר טראָגן אונדזער ווייטיק טיף אין האַרצן. מיר קענען נישט פאַרגעסן, וואָס מען האָט אונדז אָנגעטון, און מיר טאָרן אויך נישט פאַרגעסן! האָט דאָך נאָך מאַידאַנעק און אָשוויעטשים, נאָך בעלזן און טרעבלינקע די ענגלישע פּרעסע אויסגעשריגן: Lest we Forget „אייביק זאָלט איר דאָס געדענקען!" אָבער עס שיינט, אַז זיי האָבן יאָ פאַרגעסן (איבער די סיבות פאַרוואָס זיי האָבן פאַרגעסן, וועלן מיר שרייבן אַן אַנדערש מאָל). אָבער מיר, די טרויעריקע יורשים פונעם „אויסגע׳הרג׳עטן יידישן פאָלק"*) אין אייראָפּע, מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, און מיר טאָרן אויך נישט מוחל זיין.

און דאָ קומט פרייטיק דעם 16־טן מערץ מיינס אַן „אייגענע" (אין געגנזעןפּיסלעך) צייטונג, דער „דזשואיש קראָניקל" מיט אַ „סערמאָן פאַר דהי וויק" (די דרשה פון דער וואָך) מיט דער איבערשריפט „דו זאָלסט נישט פאַרגעסן" און ציטירט דעם באַקאַנטן פּסוק פון תנ"ך: „זכור את אשר עשה לך עמלק" און

*) דאָס וואָרט שטאַמט פונעם קדוש, דעם דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן.



טייטשט אויס, פּאָלעמיזירט און דריקט אויס געדאַנקען אויף אַן אופן, וואָס פּראָוואָצירט יעדן אָרענטלעכן יידישן לייענער צו שטעלן די פראַגע: פאַר וועמען שרייבט דאָס דער מחבר פון דער דאָזיקער „דרשה פאַר דער וואָך"?

פאַר וועמען שרייבט דער טרויעריקער בעל־דרשן די ווערטער: „...עס איז נישט ערשטוינלעך, אַז אַ סך פון אונז פרעגן זיך, צי זיי זיינען נישט באַרעכטיקט צו האַלטן די דייטשן פאַר דעם עמלק פון היינט", און קומט צום אויסטייטש:

„יעדעס פאָלק, ווייל עס איז פאַרוויקלט אין פּאָליטישע ליידנשאַפטן, מיט זיך און צווישן זיינע שכנים, איז אויסגעשטעלט דער געפאַר צו זיין אַ פּאָטענציעלער עמלק. אָבער קיין נאַציע טאָר נישט ווערן אידענטיפיצירט מיט עמלק, ווייל קיין שום פּאָליטישע געשיכטע איז געהייליקטע היסטאָריע, ווו די מערדער זיינען אַלע אויף איין צד, און אַלע קדושים אויף דעם אַנדערן צד" (???א.פ.)

און דאָ קומט דער מחבר אָדער דאָס קאָלעגיום פון מחברים, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דאָזיקער משטיינס געזאָגט דרשה, צו דער פראַגע: „ווער האָט דער׳הרג׳עט קריסטוס׳ן?" אַ פראַגע, וואָס האָט צו דער טעמע פון דער וואָך אַזוי פיל שייכות, ווי די גרויסע חכמה, אַז פּאָליטישע געשיכטע איז קיינמאָל נישט געהייליקטע היסטאָריע, „ווו די מערדער זיינען אַלע אויף איין צד, און אַלע קדושים אויף דעם אַנדערן צד". מיט זעקס מיליאָן קדושים און פאַרטיליקטע ברויך מען אויף דעם נישט צו געבן אַן ענטפער.

דאַן קומט דער אויסטייטש אין דער „דרשה" איבער „תמחה את זכר עמלק מתחת השמים, לא תשכח" — „דו זאָלסט אויסמעקן דאָס אָנדענקען פון עמלק פון אונטער די הימלען, דו זאָלסט נישט פאַרגעסן!" און עס געלינגט דעם אַקראָבאַטישן בעל־דרשן דאָס קונסט־שטיק צו דער פאָלגענדער רעזומע: „אין דער צייט, ווען יעדער שליאַד פון היטלער־דייטשלאַנד מוז ווערן אָפּגעמעקט פון אונטער דעם הימל, מוז מען די דייטשן, גלייך מיט אַלע פעלקער, זעען אַלס אַ טייל פון גאָט׳ס גרויסער זאַמלונג פון פעלקער. גאָט וועט זיי אַהיימפירן, ווי דער פאַרמער ברענגט אַהיים די זשניווע, און זיי, ווי אַלע גויים, וועלן געבראַכט ווערן צו דעם באַרג פון גאָט, צום הויז פון גאָט פון יעקב (ישעיה 2, 3). אונזערע אומענדלעכע תפילות פאַר די גויים, נישט אויסגעשלאָסן די דייטשן, איז במהרה, זאָל עס באַלד אַזוי געשען!"

און עס איז זייער שיין, וואָס דער „דזשואיש קראָניקל", וועלכער טראָגט דעם אונטער־טיטול „דער אָרגאַן פון בריטישן יידנטום", גיט פּלאַץ פאַר דרשות, וואָס דריקן אויס די גרויסע אידעאַלן פון גלייכהייט פון אַלע פעלקער סיי אויף דער ערד און סיי פאַר דעם כסא כבוד פון אַן אייביקן אַלגערעכטן גאָט, אָבער מיט די דייטשן האָט דאָס אַלעס גאָרנישט צו טון — מענטשן, וואָס האָבן פאַרטיליקט אונדזער פאָלק נישט אין אַ שטאָט, נישט אין אַ פּראָווינץ, נאָר אין אַלע לענדער, וועלכע זיי האָבן אונטערייאָכט.

און ווייל איך ווייס, אַז די דאָזיקע דרשה איז געשריבן געוואָרן פון יידן, וועלכע פילן זיך באַרופן אויסצודריקן און צו פאַרעפנטלעכן רעליגיעזע טעמעס

און הויכע עטישע געדאַנקן פון דער יידישער לערע, וויל איך זיי צורופן אַ ציטאַט פון פרץ׳עס „ביים פרעמדן חופה־קלייד“: „ווי לאַכט עס אַ ברודער ביים ברודער׳ס געוויין?“

יאָ, דער אויסטייטש אין דעם דערמאָנטן סערמאָן פון דעם פסוק: „זכור את אשר עשה לך עמלק“, און דאָס וועלן איינשליסן שוין איצטער די דייטשן אינעם רינג פון אַלע פעלקער, איז אַ ציניש געלעכטער און לאַכן אויף אונדזער שטילן טרויער, וועלכן מיר מיליאָנען יידן טראָגן אין אונדזערע הערצער נאָך דעם גרויסן לעצטן חורבן.

אונדזערע תפילות זאָלן זיין פאַר דעם שלום פון דער וועלט, פאַר אַלע פעלקער. די דייטשן, וועלכע האָבן יאָרן־לאַנג פרייוויליק געדינט דעם טייוול, און האָבן אפילו ביי די לעבעדיקע, אין דער צייט פון זייער גלאָריע, אַוועקגענומען יעדן פונק פון האָפנונג און גלויבן, זאָלן זיי גיין זייער וועג אַליין, דעם שווערן און ערלעכן וועג פון תשובה און חרטה, דעם וועג פון זעלבסט־רעהאַביליטאַציע און מענטשלעכקייט פאַר היינט און די קומענדיקע דורות.

אונדזערע ברכות דערצו ברויכן זיי נישט. עס איז שוין גענוג, ווען מיר שיקן זיי נישט קיין קללות, זיי, די מערדער פון אונדזער פאָלק.

און די גאַנצע דרשה פונעם 16־טן מערץ וועלן מיר געשווינד פאַרגעסן, די דרשה „לא תשכח“ פונעם „דזשואיש קראָניקל“. עס דריקט נישט אויס די שטימונג פון אונדז היינטיקע יידן, עס איז נישט קיין אָפּשפּיגלונג פון אונדזערע געדאַנקן און געפילן. עס איז אַ בילד פון אַ קרומען שפּיגל.

---

# אלוועלטליכער יידישער קולטור־קאנגרעס

דעם 20־טן מערץ, 1951.

רעדאַקציע „לשון און לעבן“, לאָנדאָן, ענגלאַנד.

חשובע פריינט:

היינטיקע וואָך האָבן מיר דערהאַלטן אייער לעצטן נומער. מיר זעען דאָרטן אַ נאָטיץ, אַז איר גרייט אויף אַפּריל אַ פרץ־נומער.

מעגלעך, אַז מיר קומען מיט אונדזער ווענדונג צו שפּעט, אָבער אויב עס איז פאַראַן אַ וואָסערע־נישט־איז מעגלעכקייט אָפּצולייגן דעם נומער, אַפּעלירן מיר צו אייך עס צו טאָן.

ווי איר ווייסט זען פון דעם בייגעלייגטן פּראָטאָקאָל, גרייטן מיר אַ פרץ־יאָר, וואָס דאַרף זיך אָנהויבן סעפּטעמבער 1951. מיר פּלאַנען פייערונגען פון גרויסן פאַרנעם. אַ טייל פון דעם פּלאַן איז: פרץ־אויסגאַבעס אין אַלע לענדער אין איין און דער זעלבער צייט (מיר טראַכטן, אַז דאָס וועט דאַרפן זיין אַרום יאַנואַר־פעברואַר 1952). עס וואָלט געווען אַ גרויסע עוולה אויב „לשון און לעבן“ זאָל דעמאָלט נישט האָבן קיין פרץ־נומער.

מיט פריינטשאַפט,

פּ. שוואַרץ, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר; ל. שפּיזמאַן, פּרעסע־דירעקטאָר.



## משה עובד

# צו מיינע ליבע פריינט סטוטשינסקי און צו אלע מיטגלידער פון יידישן פאלקס־צענטער!

(צום 10־יאָריקן יובל פונם יידישן פאָלקס צענטער אין אויסטראַליע)

קודם כל זייט געגריסט און געבענטשט. אין אַ צייט, ווען יידישע קולטור גייט באַרג אַראָפּ און מיטן לשון פון פאָלק האַלט עס שמאָל, און ווערט אַטאַקירט און איגנאָרירט פון שונאים אינערלעכע און אויסערלעכע, האָט איר דעם מוט צו בויען אַ נייעם צענטער. טאָ זייט מיר געשטאַרקט און געבענטשט און זייט די פּיאָנערן פון אַן אמתן קולטור־צענטער.

איך האָב אונטערגעשטראָכן די לעצטע דריי ווערטער, ווייל איך גלויב און בין איבערצייגט דאָס מיר גענאַרן זיך זעלבסט אויב מ׳וויל בלויז מיט מאַמע־לשון אָדער מיט טאַטע־לשון אָדער אפילו מיטביידע צוזאַמען שאַפן אַ רענעסאַנס אין יידישן לעבן. מיר מוזן אויפלעבן אַלע נאַציאָנאַלע חושים.

איר דאַרפט האָבן אין אייער צענטער אַ טאַנץ־זאַל, ווו די יוגנט זאָל זיך בילדן אין יידישע טענץ; איר דאַרפט נויטיק האָבן צוזאַמען מיטן קולטור־לעבן אַ יידישע קיך און אַ שטוב מיט פּלאַסטישע ריין־יידישע קונסט־ווערק.

לערנט ס׳פאָלק גיין שיין, עסן שיין און זיך קליידן עסטעטיש. מאַכט נישט נאָך די ווילדע; די פעלקער, וואָס האָבן די חוצפּה זיך צו רופן ציוויליזירט.

ס׳איז אויך פון גרויס וויכטיקייט, דאָס פאָלקס־הויז זאָל זיך טובלען אין יידישער מוזיק.

הערט מיינע ברידער און שוועסטער, ס׳האַלט שלעכט מיטן יהדות! און אויב מיר וועלן עס נישט אויפלעבן מיט מעשים און געבן אונזער קולטור אַ ממשות, וועלן מיר (אויב אפילו ס׳וועט אונז געלונגען די שפּראַכן זאָלן ווערן גערעדט אין יעדן יידישן הויז) דאָך זיין אַ פאָלק אַ קאַליקע, אַ שאַרף געשליפן צינגעלע אָבער אַ בלינד און טויב פאָלק.

הערט, מיינע ליבע חברים: איך האָב דעם געדאַנק, וואָס איז דאָ אַזוי קורץ איבערגעגעבן, געשענקט יאָרן נאָכדענקען, און איך בין איבערצייגט, אַז מיר מוזן בויען אין ישראל, און בפרט אין גלות, אַזעלכע מאָדערנע צענטערס און נישט פאַרלאָזן זיך בלויז אויף ליטעראַטור. גוטע יידישע מוזיק, טאַנץ, קליידונג און מאכלים וועלן געבן דאָס יידישע לעבן טעם און חן. און די יידישע גאונות, וואָס איז אַזוי פאַרשוועכטערדיש, וועט געפינען אַ תיקון.

איך ווייס, אַז איר וועט האָבן אַ קאַמף, אָבער עס וועט זיך זיכער לוינען.

מיטן גאַנצן האַרץ

אייער משה עובד

# אַ בריוו פון דאָראַ דימאַנט צום סעקרעטאַר פון פריינט פון יידיש לשון

חשובער פריינט . . . !

איר קאָנט זיך פאָרשטעלן מיין האַרץ־ווייטאָג איבער דעם וואָס איך קאָן נישט זיין, גלייך מיט אַלעמען, אויף דער יערליכער פאַרזאַמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון“. איך פיל זיך פשוט ווי באַ'עוולה'ט. אפילו אַ באַגריסונג צוצושיקן אין צייט, קאָן איך נישט מער באַווייזן, ווייל איך האָב די איינלאַדונג ערשט היינט באַקומען נאָכגעשיקט דאָ אין האָספיטאַל אַריין. עס איז דאַכט זיך דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך וועל נישט זיין אַנוועזענד ביי אַזאַ וויכטיקן צונויפקום אונזערן. ס'מאַכט פשוט טרויריק, אַזוי אינגאַנצן אָן מיר דאָרט. ווייל איך זיך כאָטש טרייסטן און אָנשרייבן אַ בריוו, און אייך בעטן איבערגעבן מיינע האַרציקע ברכות דעם קאָמיטעט אונזערן, מיט דעם פרעזיד'ענט משה עובד בראש, ביטש און רובין, און בעיקר שטענצל'ן, יאָ סאַמע בעיקר אים, וואָרים דאָס האָבן מיר עס נאָר אים און זיין גליענדיקן גלויבן, די אַרבעט אונזערע צו דאַנקן. נאָר אַזאַ ריינער גלויבן ווי שטענצל'ס האָט דעם כוח אויך אַנדערע אַרום אים צו מאַכן גלויבן אין דעם דינסט אין וועלכן זיי שטעלן זיך, זיי אָנצופילן מיט כוח דעם דינסט צו פאַרטיידיקן, און צו פאַרטרייבן די שרצים און טמא'דיגע ווערים, וואָסווימלען און לויערן אַרום יעדער הייליקער זאַך.

עס טרעפט אַמאָל, מ'ווערט מיד פון דעם אַלעם, ס'איז אַזוי שווער, און די פרייד אַזוי גרינג. ס'גלוסט זיך עפּעס נייעס, עפּעס זיך אָפּצופרישן, און מ'רייסט זיך אָפּ, מיט אַ שלעכט געוויסן, און מ'שפּאַנט אַוועק אַ פּאָר שריט. מ'קוקט זיך אַרום, אפשר פאַראַן עפּעס שענערס אין דרויסן, עפּעס ליכטיגערס, וואָס מ'האָט אין דעם ענגען קליינעם קרייז איבערזען. אָבער באַלד לויפט מען צוריק דערשראָקן, געשווינד, כדי נאָך אָנצוקומען אין צייט, אַרומצולייגן שיצענדיקע הענט און הערצער אַרום דעם קוים זשיפּענדיקן קליינעם פייערל, וואָס מ'האָט פאַרלאָזט, אויסגעשטעלט אויף אָפענע מדבר־ווינטן, און מ'אָטעמט אָפּ, אַז ס'דערכאַפּט זיך. דאָס פיצעלע, צאַנקענדיקע פייערל — דאָס איז שטענצל'ס אַרבעט דאָ; פאַר לאָנדאָן, פאַר אייראָפּאַ, פאַרן יידישן פאָלק, און „אויב נישט נאָך העכער!“

די פּאָר דערמאָנטע מענטשן, מיטגעריסן מיט אַזאַ ערליכקייט, האָבן זינט יאָרן אַ חלק דערין. עפּעס שעמט מען זיך גלאַט אַזוי פשוט צו רעדן דערפון, אַז מ'געהערט אויך דערצו. מ'פאַרשטייט נישט פאַרוואָס קומט עס איינעם אַזוי פיל יאָרן צו שטיין נאָענט צו אַזאַ זאַך. מענטשן לעבן אויס די יאָרן, און ווייסן גאָרנישט אַז ס'איז פאַראַן אַזעלכעס. מענטשן גייען אויס מיילן עס צו געפינען, און מיר דאָ האָבן יאָר אויס יאָר איין די געלעגנהייט — ווען כ'זאָל זיך ווידער נישט שעמען, וואָלט איך געזאָגט די זכיה — צו שטיין אין סאַמע מיטן, אַזוי גאַנץ פשוט, טאָג טעגליך, פאַרגעסענדיק אין גאַנצן, אַז מ'ברויך צו מאַכן אַ ברכה דעריבער.

איך בין אויסגעווען אַ וועלט, געקומען מער־ווייניקער אין קאָנטאַקט מיט



פאַרשידענע מענטשן, פעלקער, גרופּן, מיט — און צווישן — וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו לעבן און צו פאַרברענגען; און פון זינט דער צייט, וואָס כ'האָב זיך אָנגעהויבן באַקענען מיט שטענצל'ס אַרבעט, האָב איך זיך געכאַפּט דערביי, ווי כ'מעסט אָפּ די ווערטן דאָרט דרויסן, זייער מדרגה, מיט דעם ווערטן־מאָס פון שטענצל'ס אַרבעט דאָ אַזוי ווי איך קען זי. איך מעסט זיי אָפּ, די ווערטן אַלע, לויט דעם ווי ווייט אַוועק פון, אָדער ווי נאָענט זיי זענען צו שטענצל'ס מדרגה.

אַזוי קלאָר ווי איך זאָג עס דאָ יעצט איז עס מיר נאַטירליך נישט שטענדיק געווען. דאָס איז מיר ערשט אין פאַרלויף פון יאָרן איינציגווייז אויפגעגאַנגען. קיין שום אמת קומט נישט אָן לייכט, און מיט אַמאָל. ס'איז אַ לאַנגע האָרעוואַניע, און צום סוף, מ'מיינט מ'האָט אים שוין אין דער בוזים־טאַש, איז עס גאָר לאָה, און מ'מוז אָנהויבן אויפסניי זיבן יאָר. אָבער יעצט ווייס איך עס קלאָר. איך ווייס, אַז קיין שום שטערנדיקע כוחות — נישט אפילו זיינע, שטענצל'ס אייגענע, און אַזעלכע זענען פאַראַן אין אַ גרויסער מאָס — וועלן נישט קאָנען פאַרלעשן דאָס פיצעלע פייערל, וואָס שטענצל האָט אין דעם חושך'דיקן לאָנדאָן אָנגעצונדן, און די פּאָר מענטשן געהאָלפן אויפהאַלטן. עס וועט מיטפלאַקערן אין דער גרויסער ליכטיקער פייער־קאַסקאַדע, וואָס שפּריצט אַרויס פון אונטער דער קאָוואַדלע אונזערער, אונטערן פרייען הימל, די קאָוואַדלע, אויף וועלכער מיר האָבן, אין 20־דורות'דיקער דם־פּראַצע, אויסגעשמידט אונזער רינגעלע און איבערגעלאָזן עס אינם שאַץ־קעסטעלע פון אייראָפּא.

און יעדער איינציקער דאָ, וואָס לייגט צו אַ שיצענדיקע האַנט, אָדער אפילו דער וואָס שפּרעכט נאָר אָפּ אַן עין־הרע פונדערווייטנס, זאָל זיין — ניין, איז שוין געבענטשט (אפשר וועט אַ ברעקעלע פון די ברכות זיך אַהער פאַרוואַלגערן צו מיר דאָ — ס'קאָן צונויץ קומען).

דאָראַ דימאַנט.

---

## ש. י. דאָרפזאָן

# מ א י ר צ ע ל נ י ק ע ר

איינציקווייז און פאָרוויז פאַרלאָזן זיי אונזער לאָנדאָנער יידישן מדבר...

מאיר צעלניקער, דער האַרציקער יידישער כאַראַקטער־שוישפּילער און פאָלזייטיקער בינע־קינסטלער, וואָס האָט אין משך פון די לעצטע צען יאָר אַזוי ווירדיק רעפּרעזענטירט דאָס היגע יידישע טעאַטער, האָט „עולה“ געווען קיין דרום־אַפריקע, כדי אָנצופירן מיט דעם יידישן טעאַטער, וואָס עס האָט געשאַפן די דאָרטיקע יידישע קולטור־פעדעראַציע.

אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר האָט מאיר צעלניקער געפירט מיט זיך אַ יידיש־גייסטיקן „ויתרוצצו“.

דער קאַמף איז באַשטאַנען אין צוויי אַנטערנאַטיוון:

פאַרבלייבן ביים יידישן טעאַטער, אָדער אַוועקגיין צו די גוים, ווו די באַדינגונגען און מעגלעכקייטן זיינען גרעסערע און לייכטערע, ווי זיי זיינען אין דער לעצטער צייט ביים יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן, ווו מען דאַרף יעדן שבת אויפפירן אַ נייע פיעסע, ווייל דער קאָנסומענט איז אַ באַגרענעצטער און די „קאַסטאָמערס" זיינען די זעלבע...

אָט די דאָזיקע „קאַסטאָמערס" ווילן פאַר זייערע פאַר שילינג זען יעדע וואָך אַ „נייע שאָו"...

אַי, יידן בני רחמנים, פונוואַנען זאָל מען פאַר אייך נעמען יעדע וואָך אַ נייע פיעסע, אַז יידישע שרייבער שאַפן לעצטנס נישט קיין פיעסן, ווייל — צווישן אונז זאָל דאָס פאַרבלייבן — עס איז ניטאָ פאַר וועמען צו שאַפן... און ווען מען שרייבט שוין יאָ אָן אַ נייע פיעסע, קאָן זי געשפילט ווערן העכסטנס איין איינציקע וואָך, ווייל — ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט — דער „קאַסטאָמער" פאַרלאַנגט יעדע וואָך אַ נייע „שאָו", ווייל איז אונז!

איז מאיר אַוועק צו די גוים, ווו זיי האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד. זיין גרויסער דערפאָלג אין דער פיעסע „די גאָלדענע טיר", וואָס איז געשפילט געוואָרן אין „עמבאַסי" טעאַטער לערך דריי חדשים, איז געווען אַ שם־דבר אין דער ענגלישער טעאַטער־וועלט.

צו אונזער גליק (איך שטרייך בכיוון אונטער דאָס דאָזיקע וואָרט), האָט מאיר צעלניקער ניט אויסגעהאַלטן דאָס „גוישקייט" און ער איז צוריקגעקומען צום יידישן טעאַטער, צו זיין אייגענעם מקור! וואָרים — לאָמיר זיך ניט אָפּנאַרן — מאיר צעלניקער איז דאָך כלו יידישער אַקטיאָר; זיינע פרעכטיקע יידישע קרעאַציעס און צענדליקער פאַרשידנאַרטיקע פיעסן, קאָן מען ניט „אָפּ'שמד'ן" פאַר דער ענגלישער בינע...

ווינטשן מיר טאַקע פונם גאַנצן האַרץ, אַז מאיר צעלניקער זאָל אין דער צוקונפט נישט ווערן געשטרויכלט, חלילה, מיט נאָך אַ שווערן נסיון; אַז ער זאָל נישט דאַרפן נאָכאַמאָל שטיין פאַר אַ גוישן טעאַטער־„עמוד", נאָר פאַרבלייבן מיט אונז אויף לעולם־ועד אין אונזער יידישן טעאַטער. ווייל יידיש טעאַטער איז זיין אמת'ע היים. אמת איז, אַז אונזער היים איז אַן אָרימע, אָבער אַ וואַרימע, אַ טאַטע־מאַמעדיקע...

יידיש טעאַטער איז אונזער לעצטע קולטור־באַריקאַדע און מיר מוזן פאַר דער פאָזיציע קעמפן, ביז צום לעצטן ביסל אָטעם!

## ס. פּאַלמע

## עטא טאפעל געזעגנט זיך

זעלטן ווען איז יידיש לאָנדאָן אויסגעקומען צו געזעגנען זיך מיט אַ יידישע שוישפילערין, וועלכע זאָל זיך האָבן אַזוי איינגעבאַקן אין די הערצער סיי פון די, וועלכע האָבן זי געזען שפילן טעאַטער און סיי די, וועלכע האָבן איר געקאָנט אין פריוואַטן לעבן.



פאַר געטרייע צוועלף יאָר האָבן מיר זי געזען צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם גלייך פּאָפּולערן מאַרק מאַרקאָוו אין צענדליקער ראָלן וואָס יעדע פון זיי איז געווען ביי איר אַ שאַפונג און איבערשאַפונג מיט סטיל און מייסטערהאַפטע ריין־פּסיכאָלאָגישע פאַרשטענדיגונג פאַר דאָס וואָס זי האָט כמעט איבערגעלעבט און געמאַכט אירע צושויער מיטלעבען שפּילנדיק.

מיר האָבן זי ניט איין מאָל באַוווּנדערט פאַר איר אַלזייטיקייט און איבערציגנדע ריין־מענטשלעכע עמאָציעס אין סיי וועלכן זשאַנער. ס'איז בלויז ווערט צו דערמאָנען דעם שטרענג דאָמינירנדען כאַראַקטער פון לאורא אין סטרינדבערג'ס „פאָטער" און די צאַרט צניעות'דיקע פייגעלע פון דער זייער באַליבטער אָפּערעטע „יאָסעלע און פייגעלע" פעסטצושטעלן און צו קענען מיט דער פולער רעכט באַשטעטיקן אַלץ וואָס ס'זאָגט זיך דאָ און אפשר מער. מיר האָבן פאַר זיך געהאַט אַ קינסטלערין פון פאַרנעם און סטאַזש און געטריי ווי מיר האָבן עס געזען אין דעם שוישפילער מאַרק מאַרקאָוו מיט וועמען זי האָט כסדר פאַרטנירט, אַזוי האָבן מיר עס געזען אין איר און דאָס איז — דאָס קאָנען דערגרייכן צו די מוחות און הערצער פון זייערע צושויער — זי פערסאָניפיצירט יידיש טעאַטער.

מיר ווינטשן איר דערפאָלג אין איר ווייטערדיקן פאָרטזעצן איר קינסטלערישע קאַריערע ווי אויך אין איר צוזאַמענלעבן מיט איר מאַן, דעם גלייך באַוווּסטן לאָנדאָנער שוישפילער און רעזשיסאָר מאַרק מאַרקאָוו.

## בן-ציון קליין

## דער מאדערנער שמשון הגבור פון ישראל סאמסאן אייזן

איך האָב געהאַט דעם כבוד צו האָבן אַ געשפרעך מיטן מענעדזשער, יצחק באַהאַראַוו (בהרב), אַ געבוירענער אין ארץ־ישראל, אַ סאַברע, וועלכער האָט מיר דערציילט אין קורצן וועגן דעם באַזוך אין לאָנדאָן פון שמשון אייזן, דעם גבור פון ישראל, וועלכער געפינט זיך איצט אין לאָנדאָן.

דער צוועק פון זייער קומען איז צו געבן פאָרשטעלונגען, אויף וועלכע דער יידישער גבור, שמשון, וועט באַווייזן זיינע גבורות. די הכנסות פון די פאָרשטעלונגען וועלן גיין פאַרן בית־יתומים „ציון" אין ירושלים.

דער גבור שמשון איז געווען אין אוישוויץ לאַגער, ווו ער האָט געראַטעוועט הונדערטער יידן פון טויט. שפּעטער זיינען די זעלביקע געקומען קיין ישראל, ווו זיי דערציילן אויך ווי אַזוי דער גבור האָט נקמה גענומען פאַר יידן אָן פחד און מורא.

נאָך דער באַפרייאונג האָט שמשון געהייליקט זיין גאַנצע צייט אַריבערצופירן טויזנטער יידן, דער עיקר קינדער און יוגנט, אויף אַזעלכע פלעצער, פון וואַנען עס האָבן געווונקען צו זיי די ברעגעס פון ארץ ישראל.

אויף שמשונ'ס האַנט איז אויסגעקריצט אַ קאַצעט־נומער 23830.

בעת אַ גבורים־פאָרשטעלונג אין תל־אביב האָבן צענדליקער קינדער און אויך דערוואַקסענע באַגריסט שמשון הגבור מיט בלומען, ווען ער איז אַרויף אויף דער בינע, אויסדריקנדיק אַזוי אַרום זייער דאַנקבאַרקייט און אַנערקע־נונג פאַר זיינע העלדישע פאַרדינסטן לטובת זיין פאָלק.

אויך דאָ אין לאָנדאָן פרייען זיך מיט אים צענדליקער פון די אוישוויץ־קינדער וועלכע ער האָט געראַטעוועט אין זייער עת־צרה. אויך ביים עולם פון די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, ווו ער איז געווען דער גאַסט מיט זיין מענעדזשער, איז שמשון אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג.

די וועלט־באַרימטע פילם געזעלשאַפט „מעטראָ־גאָלדווין־מייער" האָט שמשון׳ען אַנגאַזשירט פאַר דער ראָלע „אורסוס" אין דעם נייעם „קווא וואַדיס" פילם, וואָס זיי גייען שאַפן.

די לאָנדאָנער ענגלישע ספּאָרט־פאַכמענישע צייטונגען האָבן דעם גבור שמשון אייזן געווידמעט גרעסערע אָפּהאַנדלונגען, מיט פאַרשידענע בילדער פון זיינע אַרויסטרעטונגען. דאָס זעלבע אויך די טעגלעכע צייטונגען.

יצחק בהרב (באַהאַראַוו), מענעדזשער און אימפּרעסאַריאָ פון שמשון דעם גבור׳ס אויפטריטן און אויך רעפּרעזענטאַנט פון דעם בית־יתומים ציון, לאַדעט איין אַלע יידן אין דער אַלבערט האָל צו קומען זען די פאָרשטעלונגען און גבורות פון דעם גבור שמשון. די ערשטע פאָרשטעלונג קומט פאָר דעם 1־טן מאַי, 1951. דאָס לאָנדאָנער יידנטום וועט זיך מסתם גוט אָפּרופן און קומען אין מאַסן צו זען די גבורות פון דעם מאָדערנעם שמשון הגבור פון ישראל, וועלכער שטאַמט פון אַ קליין יידיש שטעטל ערגעץ ווו צווישן פוילן און ליטע.

---

## דער קאָנצערט פון פריינט פון יידיש לשון, דעם 27־טן מערץ אין אַדלער האָל איז אַדורך מיט דערפאָלג. דער הלוי־כאָר האָט געזונגען יידישע און העברעאישע לידער. שטאַרק אויסגענומען ביים עולם האָט הערמאַן טוניס אין זיינע סצענעס פון פרץ, אַנ־סקי און גאָרדין, און אויך דער באַקאַנטער אַפריקאַנער זינגער, איזאַק באַדער, מיט זיינע האַרציקע פאָלקס לידער. נ. רובין איז געווען דער קאָנפאַסיער.
מ. מ.

## רעדאקציע נאטיץ

די קולטור ידיעות און די אַרטיקלען פון ל. שפּיזמאַן, דר. שמעוני, טויבענ־הויז א. אַ. דעם קומענדיקן חודש. אויך נאָך אייניקע וויכטיקע נאָטיצן.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנאַרד־באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 7־טן אַפּריל, י. א. ליסקי: י. ל. פרץ דער דערציילער.

שבת, דעם 14־טן, שלמה אויערבאַך: פרץ׳ס דערציילונגען אין העברעאיש.

שבת, דעם 28־טן, די פסח־ און פרץ־פייערונג: ביעטש, גאָלדבערג, גליקמאַן, בלום, רחל מירסקי, רובין, און פאַלושאַק.



---

## פריינט פון יידיש לשון

אָרדענען איין אין אַרבעטער רינג זאַל, עלי סטריט, א.1.

**דאָנערשטיק**, דעם 19־טן אַפּריל, 7.30 אָוונט

דעם טראַדיציאָנעלן זכרון טאָג פונם

## וואַרשעווער געטא אויפשטאַנד

עס באַטייליקן זיך מיט רעדעס און רעציטאַציעס:

משה עובד, י. ביעטש, אליהו פאָלושאַק, אייזיק גאָלדבערג, נ. רובין, א. בלום און מ. מינדל.
פאָרזיצער: א. נ. שטענצל.

---

## עטא טאפּעל אין סטאוק ניואינגטאן טאון האל, טשארטש סטריט, נ.16.

די גוט־באַוווסטע לאָנדאָנער שוישפּילערין עטאַ טאָפּעל טרעט אויף אין דעם אויבנדערמאָנטן זאַל דעם 1־טן מאַי, 7.30 אָוונט אין אַן איינציקן געזעג־נונגס קאָנצערט פאַר איר אָפּפאָרן נאָך זיד־אַפריקע.

אין דעם גאָר רייכן גאַלאַ־פּראָגראַם וואָס די קינסטלערין עטאַ טאָפּעל גרייט צו וועט אויך זיין דאָס דערשיינען פון דעם באַקאַנטן שוישפּילער הערי אַריעל נאָך זיין צוריקקערן זיך אין לאָנדאָן פון זיין זיד־אַפריקאַנער טור. אַ סורפּריז פאַר דעם אָוונט וועט זיין דער אויפטריט פון דעם לאָנדאָנער יידישן וווּנדער־יינגעלע סטענלי בלעקמאַן אין יידישע לידער און אימיטאַציעס.

בילעטן פאַר דעם אָוונט קאָן מען בוקן ביי דער קינסטלערין דורכן טעלע־פאָן: סטעפּני גרין 1579, אָדער אינם טאָג פון קאָנצערט אינם אויבנדערמאָנטן זאַל. דערוואַרט אַ ספּעציעלן סורפּריז.

---

## שוין דערשינען!
## דעם דיכטער ס. פּאלמעס „סילועטן אין שפּיגל"

שיין אילוסטרירט. פּרייז 12/6. צו באַקומען בלויז ביים מחבר:
**S. PALME, 193, DALSTON LANE, E.8.**

---

## מזל־טוב

מיר ווינטשן די **משפּחה פישלער** צו דער חתונה פון זייער טאָכטער און שוועסטער **רייזל** מיט **מעכל גאלעס** אַ האַרציקן מזל טוב.

די געסט פונם אייזענבערג־רעסטאָראַנט.

---

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און נעלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון אונזער סעקרעטאַר:
N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

135

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 136) צוועלפטער יאַרגאַנג מאַי 1951 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

גלות און גאולה, דאָס חזקה-ליד פון די שארית-הפליטה-חלוצים...... ** 1
קאָנקורענטן (סקיצע פון תל-אביבער לעבן)............ יוסף נוימאַן 5
חוני המעגל (באַלאַדע)........................ אברהם פאַסירשטיין 8
לייבעלע בטלנס נסיעה קיין ישראל (פעליעטאָן)........ ל. ש. קרעדיטאָר 10
מימיני מיכאל משמאלי גבריאל ועל ראשי שכינת אל (ליד) רקודה פאטאש 16
ווי אַזוי אַ פּראָזאַאיקער איז געוואָרן אַ דיכטער........... משה עובד 17
דער מאַגנאָליע בוים אין וויקטאָריע פּאַרק,— לידער און צייט-לידער
א. נ. שטענצל 18
דער דאָרן איז תמיד גרייט צו קיניגן (תנ"ך אימפּראָוויזאַציע) י. ראַפּאָפּאָרט 22
דער נס פון פוילן......................... ל. שפּיזמאַן 25
פון מיין ביכער-טיש (פּראָבלעמען פון דער היינטצייטיקער ליטעראַטור)
דר. יעקב י. מייטליס 29
ס. פּאַלמע און זיינע „סילועטן אין שפּיגל" (רעצענזיע).. אליהו פּאָלושאַק 34
„דער אייביקער וועג"; „אין זיך" (צייכנונגען).............. ס. פּאַלמע 37
י. ח. קלינגער. עטאַ טאָפּל.
אַדיוטאַנט פון בעניטאָ מוסאָליני איצט אַ גר-צדק אין גליל העליון...... ס. פּאַלמע 38
אפרים טויבענהויז 40
1. דער אָנדענק פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד; 2. רות בערגנער
און חנה מעצגער; 3. אונזער סעקרעטאַר און רעציטאַטאָר
נעט רובין ........................ ש. 41
טאַנץ-פיגורן (צייכנונגען)..................... דזשים וויגלעי 43
די ייוו"אָ טעטיקייט אין לאָנדאָן (באַריכט)............ 46
קולטור-ידיעות פון לאָנדאָן..................... 47
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס................ 48

**פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

אַבאָנענט-פּרייז :—19/6 פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—5 דאָלאַר אַ יאָר

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

## CAMEO CORNER

### ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

## LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

Telephone: STAmford Hill 2338

## IDEAL TRIMMINGS LTD.

**Manufacturers of Shoulder Pads and Fancy Goods**

*Prompt Deliveries*

**118-120 CLAPTON COMMON, LONDON, E.5**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1
*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*